STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04285

GEKLIBENE DERTSEYLUNGEN

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

געקליבענע דערציילונגען

באַנד דריי

דריטע אויפלאַגע
מיט פּאַרטײטשן פון ל. באַיאַן

אַרויסגעגעבן דורך דער
נייער יידישער שול י. ל. פרץ

מעקסיקע, ד. פ. — 1961

I. L. PERETZ

Cuentos Selectos

Editado por el

Nuevo Colegio Israelita

I. L. PERETZ

México, D. F. 1961

אינהאַלט

ס'איז גוט — — — — — — — — — — — — — זײַט 5

הכנסת כלה — — — — — — — — — — — — — — " 11

בערל דער שנײַדער — — — — — — — — — — — — " 19

באַנטשע שווײַג — — — — — — — — — — — — — " 26

פיר דורות — פיר צוואות — — — — — — — — — " 36

אַ גלגול פון אַ ניגון — — — — — — — — — — — " 43

וואָס אַ מאָל ווײניקער — — — — — — — — — — — " 61

צווישן צוויי בערג — — — — — — — — — — — — " 74

יוחנן וואַסער־טרעגער — — — — — — — — — — — " 91

מקובלים — — — — — — — — — — — — — — — " 106

ס'איי גוט

איר

פרעגט מיך אין וואס פאר א זכות איך בין א ייד געבליבן?

נאר אין מיין זכות, נישט אין זכות פון מיינע אבות. איך בין א זעקסיעריק לערן-יינגל געווען; מיין טאטע — א יישובניק אונטער ווילנע. אזוי — א בעל-הבתישער מענטש.

אז איך בין א ייד געבליבן — האב איך עס דעם שפאלער זיידן צו פארדאנקען.

ווי קום איך צום שפאלער זיידן? — פרעגט איר.

דער שפאלער זיידע איז נאך דעמאלט קיין שפאלער זיידע נישט געווען, א יונגערמאן איז ער געווען, געליטן האט ער דעמאלט גלות. ארומגעגאנגען איז ער א צייט מיט די קבצנים פון קהילה צו קהילה, פון אורחים-הויז צו אורחים-הויז — א קבצן, ווי אלע קבצנים. קרוע-בלוע ווי אלע. וואס אינעווייניק אין הארצן האט געשטעקט — גיי ווייס!

און נאכן אפליידן גלות, איז נאך אויך די צייט נישט געקומען נתגלה צו ווערן. שטעלט ער זיך פארן בית-דין-צדק אין ווילנע, נעמט ארויס א היתר-שחיטה און ווערט שוחט אויפן דארף. ער גייט שוין נישט ארום אויף דער וועלט, און האלט זיך אין דער ווילנער סביבה. מתנגדים האבן אבער א חוש-הריח, האבן זיי עפעס דערפילט. הייבן זיי אים אן צו רודפן, בילבולים צו מאכן. מסרט מען אים פארן בית-דין-צדק — ווייס איך? — אז ער איז עובר אויף כל התורה כולה! וואס מתנגדים קאנען!

ווי געזאגט, בין איך דעמאלט אלט געווען א יאר זעקס. ער פלעגט צו אונדז אריינקומען שעכטן א דקה, אדער אזוי איבערנעכטיקן און איך האב אים זייער ליב געהאט. וועמען דען האב איך געזאלט, א חוץ טאטע-מאמע, ליב האבן? א מלמד האב איך געהאט א קפדן, ממש א הורג-נפשות; און דאס אבער איז געווען א גוטע, הארציקע נשמה, מיטן קוק האט ער מחיה נפשות געווען! די בילבולים האבן זייערס געטאן — מען האט אים מעביר געווען פון שחיטה. מיין מלמד האט געמוזט דערינען א חלק האבן, ווארעם ער האט באלד א ידיעה באקומען דערפון, און ווי דער שוחט איז געקומען, האט ער א געשריי געטאן: „עובר-ישראל! משומד!” און



ס׳אי׳ גוט

אילוסטרירט

יאָסל בערגנער

אָנגעכאַפּט אים בײַם פּאָדקאָלנער און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב. עס האָט מיר אַ שניט געטאָן בײַם האַרץ, ווי אַ מעסער. פֿאַרן מלמד האָב איך אָבער געציטערט אימת־מוות, און ערשט שפּעטער, אַז ער האָט זיך פֿאַרקוקט, האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט פֿון שטוב און אָנגעהויבן נאָכלויפֿן דעם שוחט איבערן טראַקט, וואָס האָט זיך, נישט ווײַט פֿון שטוב, אַרײַנגעלאָזט אין אַ וואַלד, וואָס האָט זיך שוין געצויגן ביז ווילנע. וואָס איך האָב דערמיט געוואָלט אויפֿטאָן ווייס איך נישט, נאָר עס האָט מיך עפּעס געטריבן צום אָרעמען שוחטל. איך האָב מיך געוואָלט מיט אים כאָטש געזעגענען, כאָטש נאָך איין מאָל אַרײַנקוקן אים אין די גוטע האַרציקע אויגן אַרײַן...

אָבער איך לויף און לויף און האַק מיר אָפּ די פּיס אָן די שטיינער פֿון וועג, און זע קיינעם נישט פֿאַר די אויגן. נעם איך מיך רעכטס, אַראָפּ אין וואַלד אַרײַן, און קלער מיך אַביסל אָפּצורוען אויף דער ווייכער וואַלד־ערד. איך וויל מיך שוין זעצן, הער איך אַ קול, דאַכט זיך, זײַן קול, פֿון מיטן וואַלד אַרויס, — אַ האַלב־זינגענדיק קול. גיי איך שטילערהייט נאָך דעם קול. דערזע איך אים פֿון ווײַטן, ווי ער שטייט און שאָקלט זיך אונטער אַ בוים. איך הער מיך צו — ער זאָגט שיר־השירים! איך קוק מיך בעסער צו, זע איך, אַז דער בוים, אונטער וועלכן ער זאָגט שיר־השירים, איז אַנדערש ווי אַלע ביימער, אַלע ביימער שטייען נאָך נאַקעט און בלויז, און דער גרינט זיך, און בליט, און שײַנט ווי די זון, און שטעקט אויס די בליענדיקע צווײַגן איבערן שוחטס קאָפּ, ווי אַ סכך. און מחנות פֿייגל טאַנצן אַרום צווישן די צווײַגן, און זינגען־מיט „שיר השירים”! איך ווער ניבֿהל ונישתּומם, און שטיי מיט אויפֿגעריסענע מויל און אויגן, און שטיי!

ענדיקט ער זײַן שיר־השירים, ווערט אויסגעלאָשן דער בוים, ווערן נעלם די פֿייגעלעך, און ער דרייט זיך אום צו מיר און זאָגט מיר מיט ליבשאַפֿט:

הער, יודעלע („יודל” הייס איך), איך האָב צו דיר אַ בקשה.

— אַדרבה, — ענטפֿער איך מיט פֿרייד, און טראַכט מיר, ער וועט אַוודאי וועלן, איך זאָל אים אַרויסברענגען עסן און בין שוין גרייט צו לויפֿן און בדיל־הדל שטעלן דער מאַמעס שבת. ער זאָגט אָבער:

— הער, — וואָס דו האָסט געזען, זאָל בלײַבן בײַ דיר.

די שׂמחה ווערט בײַ מיר אויסגעלאָשן, און איך זאָג־צו ערנסט און געטרײַ, אַז איך וועל שווײַגן.

— הער נאָך עפּעס, יודעלע, דו וועסט גיין, — זאָגט ער, — אין אַ ווײַטן, זייער אַ ווײַטן וועג און אַ לאַנגן וועג.

וואונדער איך מיך: ווי קום איך צו אַ ווײַטן, לאַנגן וועג? און ער זאָגט ווײַטער:

— דײַן רבינס תּורה וועט מען דיר אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ, וועסט טאַטע־מאַמע פֿאַרגעסן, — זע אָבער, בלײַב בײַ דײַן נאָמען! דו הייסט „יודעלע", בלײַב אַ ייִד!

דערשרעק איך מיך, נאָר פֿון האַרץ שרײַט פֿון מיר אַרויס:

— זיכער! כ'זאָל אַזוי לעבן!

און מיר ליגט נאָך מײַנס אין זינען:

— אָבער, — זאָג איך, — עסן ווילט איר?

נאָר אײדער איך האָב עס אַרויסגעזאָגט, איז ער מיר נעלם געוואָרן...

און אויף דער צווייטער וואָך איז מען אונדז באַפֿאַלן, און מען האָט מיך אַוועקגעפֿירט, אַלס קאַנטאָניסט...

און עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ צײַט, און איך האָב טאַקע אַלץ פֿאַרגעסן... מען האָט מיר אַלץ פֿון קאָפּ אַרויסגעשלאָגן.

אין טיף רוסלאַנד האָב איך געדינט, צווישן שנייען און מוראדיקע פֿרעסט, קיין ייִדן פֿאַר די אויגן נישט געזען... אפֿשר האָבן דאָרט באַהאַלטענע ייִדן געוווינט, נאָר איך האָב פֿון זיי נישט געוווּסט. פֿון שבת און יום־טובֿ נישט געוווּסט, פֿון קיין תּענית נישט. איך האָב אַלץ פֿאַרגעסן...

נאָר דאָס רענדל אויסגעטווישט האָב איך **נישט**!

וואָס מער איך האָב פֿאַרגעסן, מער חשק האָב איך געהאַט פּטור צו ווערן פֿון די פּײַן, די יסורים, — אַן עק! אָבער ווען עס איז מיר געקומען דער שלעכטער געדאַנק אויפֿן קאָפּ, האָט ער זיך באַוויזן באַשײַנפּערלעך, און איך האָב באַשײַנפּערלעך געהערט זײַן קול: „בלײַב בײַ דײַן נאָמען, זײַ אַ ייִד!"

און אַז עס איז קיין ווילסטער חלום נישט געווען, האָב איך געוווּסט אויף זיכער... איך האָב אים וואָס אַ מאָל עלטער און עלטער געזען... די באָרד און פּאות — וואָס אַ מאָל ווײַסער, דאָס פּנים — בלאַסער... נאָר די אויגן זײַנען געבליבן די אייגענע, די זעלבע גוטהאַרציקע אויגן, און דער קול דער אייגענער, גלײַך אַ פֿידעלע שפּילט...

איין מאָל האָט מען מיך געשמיסן, איז ער געשטאַנען לעבן מיר און האָט מיר געווישט דעם קאַלטן שוויים פֿון שטערן, און איבערן פּנים געגלעט, און שטילערהייט געזאָגט: „שרײַ נישט, כּדאַי צו לײַדן, בלײַב אַ ייִד!" און איך האָב אויסגעהאַלטן אָן אַ געשריי, אָן אַ זיפֿץ, גלײַך מען שלאָגט נישט מיך.

איין מאָל שוין דאָס לעצטע יאָר, האָב איך געדאַרפֿט אַרויסגיין פֿאַר אַ וועכטער צום צעכהויז הינטער דער שטאָט. עס איז געווען פֿאַר נאַכט, און עס האָט זיך געטראָגן אַ זאַווערוכע פֿון שניי. דער ווינט האָט אויפֿגעהויבן גאַנצע ברילעס שניי און האָט זיי צעריבן אויף נאָדלען, צעשטויבט אויף שטויב, און דער שנייִיקער שטויב מיט די שנייִיקע נאָדלען האָבן זיך אַרומגעיאָגט אין דער לופֿט, געפּאַטשט אין פּנים אַריין, געשטאָכן... קיין אויג אָפֿן צו האַלטן! קיין אָטעם צו כאַפּן! פּלוצלונג דערהער איך, מענטשן גייען ניט ווײַט פֿאַרבײַ, און עמיץ זאָגט אויף ייִדיש: הײַנט איז די ערשטע סדר־נאַכט! צי ס׳איז אַ בת־קול געווען, צי זײַנען ווירקלעך מענטשן פֿאַרבײַגעגאַנגען, — ווייס איך נישט עד־היום... נאָר די ווערטער פֿאַלן מיר, ווי אַ בלײַ אויפֿן האַרץ, און קוים איך בין צוגעקומען צום צעכהויז און האָב אָנגעהויבן אויף און אָפּ צו גיין, באַפֿאַלט מיך אַ מין בענקעניש, אַ מין האַרצווייטיק, אַז עס איז גאָרנישט צו באַשרײַבן. עס ווילט זיך מיר דווקא „הגדה" זאָגן, און — איך זאָל עס געדענקען אַ וואָרט! איך פֿיל, אַז ערגעץ טיף, טיף בײַ מיר אין האַרץ ליגט זי, די הגדה! כ׳האָב זי אַ מאָל אויסנווייניק געקאָנט. איך פֿיל, אַז ווען איך זאָל מיך נאָר איין וואָרט, איין־איינציק וואָרט דערמאָנען, וואָלט שוין די רעשט זיך אויך באַוויזן און אַרויסגעצויגן פֿון מיר, ווי אַ שנור פֿאַרשלאָפֿענע פֿייגל פֿון אונטערן שניי. איך קאָן מיך אָבער דאָס ערשטע וואָרט בשום אופֿן נישט דערמאָנען! „ריבונו־של־עולם! — האָב איך אויסגעשריען מיט האַרץ, — איין וואָרט, כאָטש איין וואָרט!" און אויסגעשריען, אַ פּנים, האָב איך אין אַ גרױטער שעה. איך האָב מיך דערמאָנט: „עבֿדים היינו", — גלײַך מען האָט עס מיר פֿון הימל אַראָפּגעוואָרפֿן. ווער איך פֿול און פֿול מיט פֿרייד; איך פֿיל, אַז איך בין איבערגעפֿילט מיט פֿרייד, אַז זי גיסט זיך פֿון מיר אַרויס, די פֿרייד, אַז זי שטראַלט מיר אַרויס פֿון דער נשמה, און איך גיי אויף און אָפּ מיט דער ביקס אויף דעם אַקסל, און זאָג, און זינג אַרויס אין דער ווײַס פֿאַרשנייטער, פֿאַרחלומטער וועלט די הגדה... און זי האָט זיך פֿון מיר אַרויסגעצויגן, די הגדה, געצויגן און געצויגן, ווי אַ גאָלדענע שנור, ווי אַ שנור פֿון פּערל... אַך! דאָס קאָנט איר גאָרנישט פֿאַרשטיין, דאָס קאָנט איר גאָרנישט משׂיג זײַן... מען דאַרף אײַך פֿריער אַהין שיקן!

און דער ווינט האָט זיך דערווײַל געלייגט, די זאַווערוכע האָט אויפֿגעהערט, און עס באַווײַזט זיך אַ קלאָרער, פֿינקלדיקער הימל, אַ ווײַסע, מיט בריליאַנטן אויסגעשטראַלטע וועלט... שטיל איז אַרום

צעכהויז — לאַגערהויז פֿון מיליטערישע חפצים.

און אָרום, און ווײַס, אַן אַ שיר ווײַט און אַן אַ שיר ווײַס... אַ שטילע, רויִקע, זיסע ווײַטע ווײַסקייט...

און איבער דער שטילער, ווײַטער ווײַסקייט באַווײַזט זיך פּלוצלונג נאָך עפּעס ווײַסערס, נאָך עפּעס העלערס, שטראַלנדיקערס... און עס גייט און עס קומט פֿון ווײַטן... אין קיטל און טלית געקלײדט... דער טלית אויף די אַקסל, איבערן טלית פֿון פֿאָרנט אַ ציטערדיקע, ווײַסע, זילבערנע באָרד, העכער — צוויי שטראַלנדיקע אויגן, איבער זיי אַ ברענענדיקע קרוין — אַ קאַפּל מיט זילבערנע און גאָלדענע שפּאַניעס, און עס קומט צו נענטער און נענטער... און עס גייט פֿאַר מיר פֿאַרבײַ, און אַז עס גלײַכט זיך אויס מיט מיר, זאָגט עס:

— ס'איז גוט!

ווי אַ פֿידעלע האָט עס אויסגעשפּילט, און עס ווערט פֿאַרשוווּנדן.

נאָר די אייגענע אויגן, דער אייגענער קול...

צוריקצוּוועגס, בין איך געגאַנגען איבער שפּאָלע. גיי איך אַרײַן צום „אַלטן"...

איך האָב אים דערקענט, ער האָט מיך דערקענט...

ווערטער-פּאַרטייטש

זכות — פּריווילעגיע.

אָבֿות — עלטערן; די אורפֿאָטערס פֿון יידישן פֿאָלק.

יישובֿניק — דאָרפֿסייִד.

גלות — וואַנדערן פֿון אָרט צו אָרט.

קבצנים — אָרעמע לײַט.

קהילה — געמיינדע; יידישער ישובֿ.

אורחים - הויז — גאַסטהויז פֿאַר אָרעמע מענטשן.

קרוע-בלוע — אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן.

נתגלה ווערן — אַנטפּלעקט ווערן; זיך פּראָקלאַמירן ווי אַ רבי.

בית-דין-צדק — ראַבינאַט.

היתר-שחיטה — דערלויבעניש צו ווערן אַ שוחט.

סבֿיבֿה — געגנט.

מתנגדים — קעגנער פֿון דער חסידישער באַוועגונג.

חוש-הריח — שמעק-חוש.

רודף — פֿאַרפֿאָלגן, דיסקרימינירן.

בילבולים — אויסגעטראַכטע, פֿאַלשע באַשולדיקונגען.

דקה — אַ ציג, אַ שעפּס.

עובֿר זײַן — באַגײן אַ פֿאַרברעכן.
מלמד — לערער אויף רעליגיעזע לימודים.
קפּדן — כּעסן, אויפֿגערעגטער מענטש.
הורג־נפֿשות — גזלן, רויבער.
מחייה־נפֿשות — דערקוויקט מענטשן; אַ דערקוויקונג.
מעבֿיר זײַן — צונעמען דאָס רעכט.
ידיעה — אינפֿאָרמאַציע; נײַס.
עוכר־ישׂראל — פֿאַראומגליקער פֿון ייִדן.
משומד — געשמדטער, געטויפֿטער.
אימת־מוות — טויטשרעק.
שיר־השירים — דאָס ליד פֿון לידער: אַ זאַמלונג ליבע־לידער אונטער דעם נאָמען אין תנ״ך.
סכך — צודעק פֿון אַ סוכּה.
ניבֿהל־ונשתומם — שטאַרק פֿאַרוווּנדערט.
נעלם — פֿאַרשוווּנדן.
בקשה — ביטע.
אַדרבה — פֿאַר וואָס ניט; נאָך בעסער.
— געוויס, זיכער.
בדיל־הדל שטעלן — פֿאַראַרעמען.
שׂימחה — פֿרייד.
מוראדיקע — שרעקלעכע.
תּענית — טאָג פֿון פֿאַסטן.
חשק — פֿאַרלאַנג, ווילן.
יסורים — ליידן, פּײַן.
פּאות — לאָקן האָר פֿון קאָפּ, וואָס הענגען אַראָפּ בײַ די אויערן.
סדר־נאַכט — די פּסח־נאַכט ווען מען פּראַוועט אַ סדר.
בת־קול — עכאָ, ווידערקול.
עד־היום — ביז הײַנטיקן טאָג.
ריבונו־של עולם — האַר פֿון דער וועלט; גאָט.
אַ פּנים — ווי עס ווײַזט אויס.
עבֿדים הײַנו — קנעכט זײַנען מיר געווען; דער טייל פֿון הגדה, וואָס דער טאַטע ענטפֿערט דעם זון אויף די פֿיר קשיות.
משׂיג זײַן — באַנעמען.

הכנסת־כלה

ר׳ עוזר

האָפּענשטאַנד איז, קיין עין־הרע, אַ ייִד — אַ גבֿיר, אפֿשר אַ מי־ליאָנער; ער האָט שוין עפּעס צו זאָגן אויף דער וועלט, אויף יענער — אַוודאי!

אַט, זיצט ער בײַם טיש, ביים „וואָרעמעס".

אַ טיש — ווער מיר גוטס גינט! די סעודה הייבט זיך אָן מיט הערינג, קילקעס, סאַרדינען...

זילבער — ווי האָלץ! עס בלאַנקט אויפֿן טיש, אינעם אָפֿענעם קרעדענץ; אַרום אויף די ווענט הענגען אַ צען זילבערנע טאַצן, וואָס קאָנען שוין אין קרעדענץ נישט אַרײַן. פֿון איבער דער שאַנק בליצט אַראָפּ אַ גרויסער חנוכּה־לאָמפּ מיט אויסגעשניצטע בלומענרערן, און אין ביידע זײַטן שטייען, ווי אויף דער וואַך, צוויי אומגעהײַערע שבתניקעס.

ער אַליין, ר׳ עוזר, איז אַ קליין, דאַר ייִדל און ווערט אין גאַנצן פֿאַרלוירן אינעם גרויסן, מיט רויטן סאַמעט אויסגעבעטן פֿאָטערשטול. קוים איבער דער אָנלען גלאַנצט דאָס גרין־סאַמעטענע, הויך, ברייט און שטײַף אויפֿגעשטעלטע היטל, די פֿאָרעם איז זײַן אייגענע דער־פֿינדונג. דערמיט וועט ער איבערגיין אין דער חסידישער מויל־גע־שיכטע איש־מפּי־איש אויף אייביק.

ער וועט שוין האלטן אין גן־עדן בײַ משניות (אָנהייבן וועט ער טראַף) און אונדזערע אוראייניקלעך (אַזוי האָפּט ער) וועלן נאָך טראָגן די פֿאָרעם, דאָס עוזר־קאַשקעטל.

עסן עסט ער שווײַגנדיק, מיט ערנסט־אײַנגעצויגענע שטערן און ברעמען, אָן אַ בליק פֿאַר די בײַזיצער.

און דער לאַנגער טיש איז באַזעצט. רעכטס — אַ שורה נקבות: דאָס ווײַב, צוויי טעכטער, אַ שנור מיט דרײַ אייניקלעך; אין דער לינקער האַנט מאַנספּערזאָנען: צוויי זין, אָן איידעם און זייערע דרײַ חדר־ייִנגלעך.

דאָס ווײַב זײַנס טראָגט אָן אויסגעשטיקט האַרבאַנד אונטער אַ טיפֿער קאָפּקע, מיט פֿלאַטערדיקע ברייטע פֿלאַמענדיק רויטע בענ־

דער, — די טעכטער טראָגן שייטלען, די שנור האָט שוין דערגרייכט צו פּריזירטע „קרעפּינקעס".

די מיידלעך דאַרפֿן זיך די האָר נישט פֿאַרשטעלן. די „גזשיוור־קעס" יאָגן זיך פֿריי אַרום איבער די שמאָלע שטערנס. אַז עס וועט קומען צום אָפּגאָלן — ווער ווייסט?!

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, איז נאָך אויבן אָן ר' עוזרס מוטער געזעסן! אַ ייִדענע אין אַ שטערנטיכל, אַראָפּגעהאָנגענע אויערינגלעך און אַ ברוסטטיכל מיט אַ הויבל, — איז זי שוין אויפֿן עולם־אמת...

די מענער טראָגן זיך אויך פֿאַרשיידן. ר' עוזר אַליין זיצט אין זײַן חסידישן „צילינדער". דער זון — אין אַ שפּיציקער, די איידעמס אין פֿלאַכע, קאַנטיקע יאַרמולקעס. די חדר־ייִנגלעך טראָגן שוין „קאַשקעטלעך", אויף וועלכע ר' עוזר וואַרפֿט אַלע מאָל אַ בייז־אויג; דער היטלמאַכער האָט פֿאַרשמעלט און פֿאַרקירצט די פֿאַרעם.

יענע וואָך איז נאָך דאָ געזעסן אַ מלמד אין אַ קאַפּטאָן מיט סטראָקעס; האָט מען אים ערגעץ אויפֿגענומען פֿאַר אַ רבֿ אין אַ שטעטל, דאַרף ערשט ר' עוזר פֿאָרן צום רבין פֿרעגן אויף אַ נײַעם מלמד. גלאַט אַזוי לאָזט ער נישט אין שטוב אַרײַן!

„הײַנטיקע צײַטן", טראַכט ער און זיפֿצט.

ער קוקט אַרום און זעט, ווי די צײַט רײַסט אַלע מינוט אָפּ אַ שטיין פֿון דעם מויער, מיט וועלכן ער האָט זיך אַזוי קונציק אַרומ־געבויט, אָפּצוטיילן זיך פֿון דער אַפּיקורסישער גרויסער וועלט, צו וועלכער ער געהערט לויטן פֿאַרמעגן. זי, די נײַע צײַט, גנבֿעט זיך אַרײַן ווי אַ וואַסער אין זײַן אַלטער תּיבֿה, אין וועלכער ער האָט געוואָלט איבערשווימען דעם „דײַטשן מבול", אַז קיינער פֿון זײַן משפּחה זאָל זיך אַפֿילו קיין פֿוס נישט אײַננעצן! אָבער עס גייט נישט!

אָן אייניקל, אַ מיידל — האָט מען נאָר געלערנט אַ ביסל שרײַבן, האָט מען זי שוין געכאַפּט לייענען אַ ראָמאַן; אַ שנור האָט זי פֿאַר־מסרט, מן־הסתּם איז „ראָמאַנען" נישט קיין גוטס.

אין צווייטן אייניקל — אַ ייִנגל — איז פּלוצלונג אַרײַן אַ דיבוק — ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: אין שקאָלע אַרײַן. עס האָט נישט געהאָלפֿן קיין ריידן, קיין בעטן, קיין חלשן, קיין קלעפּ אַפֿילו... מען האָט אים קוים אײַנגענומען מיט אַ גאָלדענעם זייגערל!

ער זיצט אײַן נאָך פֿעסטער די ברעמען — ער זעט בחוש, מיט זײַנע אויסגעווײנטע אַלטע אויגן, מיט וועלכע ער האָט אַזוי פֿיל תּהלים געזאָגט, אַזוי פֿיל געלט געציילט און אַזוי פֿיל וועלט געזען, אַז די צײַט האָט קיין רחמנות נישט, אַז זיווישט און ווישט אָפּ דאָס אַלטע, דאָס פֿאַרשימלטע, דאָס הייליקע!

עס עפנט זיך די טיר.

עס קומט אריין אן איינגעבויגענער ייד מיט א ווייסער צעפלאַ־שעטער באָרד, וואָס פּלאָנטערט זיך צוזאַמען מיט די פעדעם פון דער אַלטער אָפּגעריבענער קאַפּאָטע, א בלייכן פּנים אונטער אַן אויסגע־פּעצטן היטל.

דער דלות איז אריינגעקומען.

— שלום-עליכם, מענדל, — רופט צו אים דער מיליאָנער.

עליכם-שלום, עוזר, — ענטפערט מענדל-דלות.

ער גייט צו צום טיש. דער בעל-הבית וויקלט זיך אַרום די האַנט אין א סערוועט און דערלאַנגט אים „שלום-עליכם".

דאָס אייגענע טוען די איידעמס, די אייניקלעך. איינס נאָר פאַר־קרימט זיך.

מען זאָל אים נאָך א ברעלאָק קויפן צום זייגערל, וואָלט ער זיך אפשר נישט פאַרקרימט אויך.

מענדל אָבער באַמערקט עס נישט, און שמייכלט:

— עפּעס האָסטו, עוזר, צופיל ווייבער ביים טיש!

— סאַמע אייגענע! — ענטפערט עוזר ערנסט און מיט א זיפץ.

אין הארץ איז ער מסופק, אויב א שנור איז אן אייגענע.

— ווייסט וואָס, עוזר, — מאַכט ווייטער מענדל, — איך וועל נעמען א טרונק בראַנפן.

— נו!

— נו, שקצימלעך, לאָזט!

און דער „דלות" רוקט זיך אריין צווישן צוויי אייניקלעך-שטולן און נעמט א ביסל בראַנפן.

— און פאַרבייסן? פרעגט ער, אויפהייבנדיק די פייכטע אויגן צו דער בעל-הביתטע.

עוזר גיט א וואָרף אן אויג מיט גרימצאָרן אויף דער גאַנצער שורה ווייבער: וואָס איז, זיי זעען נישט, אז מען דאַרף פאַרבייסן?

דאָס ווייב פאַרשטייט דעם ווונק. עס גלוסט זיך איר דאָך, א פּנים נישט אויפצוהייבן.

כאַפּט א שטיקל פּאָלקע! — מאַכט זי.

— אָבער גאָר לאָ, — ענטפערט מענדל, — צו דעם וועל איך מיך וואַשן, כּדבעי! דערווייל — לעקעך, לעקעך קומט מיר.

— זאָג נאָר, שׂרה, — פרעגט ער איבער די בעל-הביתטע — האָסט דען גאָרנישט חתונה געמאַכט איבער דער צייט, הא?

איינע פון די מיידלעך פאַרקרימט זיך און טראָגט דאָך צו א שטיקל לעקעך פון קרעדענץ.

מענדל-דלות טרינקט לחיים און פאַרבייסט.

— צינד גיי איך מיך וואַשן.

ער קוקט זיך אום, זוכט אַפּ דאָס האַנטפּאַס, און גייט צו.

אַ דינסט טראָגט דערוויַיל אַריין אַ קאָכעדיקע וואַזע.

עוזר שיקט וויַיטער צום וויַיב אַ צאָרנדיקן בליק.

— טראָג דערוויַיל צוריק! קאָמאַנדירט דאָס וויַיב, — געקומען אַ גאַסט.

די דינסט וואַרפּט אַ קרום אויג אויפֿן דלות און גייט צוריק.

נאָכן עסן און נאָכן בענטשן מזומן, האָט מענדל־דלות אַרויס־געיאָגט די וויַיבער פֿון שטוב מיטן בייַסנדיקן רויך פֿון זיין ליולקע־ציבעק. ער שמייכלט פֿאַרגניגט און קוקט זיך אום און דערזעט, וואָס ער זוכט — די קאַנאַפּע. דער קאָפּ איז אים שווערלעך; שוין לאַנג אַזאַ שווערן מאָגן נישט געהאַט. ער הייבט זיך שווער אויף פֿון שטול, וואַקלט זיך צו און ציט זיך אוים אויף דער קאַנאַפּע.

עוזר פֿרעגט:

— ווילסט אַ ביסל שלאָפֿן?

— יאָ, איך וועל דערנאָך מיט דיר ריידן, — ער גענעצט אָפּ און גיט צו, — איך וועל, אם־ירצה־חשם, ביי דיר זיַין אַ פּאָר טעג.

— נו, שלאָף, — מאַכט עוזר אַרויסגייענדיק; די רעשט בני־בית גיים אים נאָך.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז עוזר צוריקגעקומען און געטראָפֿן שוין מענדלען ליגן מיט אָפֿענע אויגן.

— נו וואָס מאַכסטו, מענדל? — פֿרעגט ער אים און זעצט זיך אים צוקאָפּנס אויף אַ שטול.

— אַזוי, — ענטפֿערט מענדל, — האָסט נישט אַ גלאָז טיי?

עוזר קלינגט אָן און באַשטעלט ביַים וויַיב, וואָס וויַיזט זיך אין טיר, דעם סאַמאָוואַר.

מענדל גענעצט.

— וואָס טוסטו, אייגנטלעך, דאָ? — פֿרעגט דער גביר.

— וואָס איך טו דאָ, ווילסטו וויסן? — חזרט מענדל־דלות אי־בער די שאלה, — כ׳מאַך חתונה!

— דיַין שמערלען?

— ניין, כ׳האָב נאָך אַן עלטערע טאָכטער...

— אַזוי?

— ווי דען...

— נו?

— נו, נו! דאַרף מען, פֿאַרשטייסטו, נדן...

— ביַי מיר האָסטו שוין אַ פֿינף־און־צוואַנציקער!

מענדל זעצט זיך אויף:
— איך לאָז אוים דײַן טאַטן!
— וויפל דען מיינסטו?...
— וויפל איך מיין? איך דאַרף פינף הונדערט רובל!
— פינף הונדערט רובל? — ווונדערט זיך דער מיליאָנער.
— כ׳האָב צוגעזאָגט!
— נו? און אַז מען זאָגט צו?
— שוטה! דאָס האָב איך שוין ביים צוזאָגן געמיינט. מאַכט זיך אָבער אַ מעשה... הער, וואָס עס קאָן זיך טרעפן! מיין טאָכטער ווערט עפעס נישט בקו הבריאה... נאָ דיר אַ שמעק טאַבאַק פאַרן גאַנצן עסק... וויים איך וואָס! נאַר — דו קאָנסט דאָך מאַטי שייגעץ?
— איך האָב זיך מיט אים צעווערטלט — מיר זײַנען מיר געווען בוררים — גייט ער, ימח-שמו, און שרייבט צום מחותן...
— וואָס רעדסטו? — פאַרקרימט זיך ר׳ עוזר.
— אַזוי ווי דו הערסט!
— טאָקע אַ פושע-ישׂראל!
— פאַר איך טאָקע אַצינד צום רבין — אַ פסק וועט ער שוין האָבן... אָבער אָפּגעטאָן האָט ער; און ווייסט, וואָס ער האָט ימח-שמו, געשריבן? „חולי נופל" האָט ער געשריבן! מיר מעגסטו גלייבן — געוואָרפן האָט זי זיך אין גאַנצן איין מאָל, אפשר צוויי מאָל. מער, בהן צדקי, נישט!
מענדל רוט זיך אָפּ און פיקט אַ ביסל פון דער קאַלטער ליולקע.
— נאָ דיר אַ ציגאַר, — מאַכט דער גביר.
מענדל נעמט, פאַרררייכערט און גיט צו:
— און צינד, פאַרשטייסטו מיך, זאָגט דער מחותן, אַז ער וויל דאָס גאַנצע געלט.
— ס׳אַ העזה פון אים! — בייזערט זיך דער גביר.
— אוודאי! דער פלב, כמובן, וויל אָפּלאָזן דעם שידוך! וויל ער נאָך פון מיר פטור ווערן אָן חצי-נדן-קנס!
— קיין נאַר נישט! — שפּאַסט דער גביר.
— איך הער אים ווי די קאַץ! נאַר פאַרשטופן דעם טריפהנעם פיסק מוז איך. דאַרף איך טאָקע די גאַנצע פינף הונדערט קאַרבוינעס!
— און פאַר וואָס נאַר ביי מיר?
— חוץ דעם, — פירט מענדל-דלות ווייַטער זײַן זאַך, — דאַרף מען חתונה-הוצאות, ווי דער סדר-עולם איז... חתונה-קליידער האָב איך שוין.
— און אַלץ איך? — פרעגט נאָך אַ מאָל ר׳ עוזר נישט זייער צופרידן, — פאַר וואָס גייסטו נישט צו בערלען, צו חיימען?

דלות ווערט בייז:

— כ׳בעט דיך זייער, וואָס ווילסטו פֿון מײַן לעבן האָבן? איך האָב כּוח צו אײַערע שטיינערנע גאַסן, צו אײַערע טרעפּ? איך זאָל אויף דער עלטער קלינגען הינטער טירן?

ער שטעלט זיך אויף:

— מענטשן, — שפּריצט ער מיט כּעס, — ווינען אין גאַסן, וואָס זײַנען לאַנג ווי דאָס גלות... מער טרעפּ ווי הויז... און איך לײַד אויף אַסטמאַ, זאָל איך גיין! גיי דו! גיב אומגעגאַנגען... מײַן דאגה?! אַז איך האָב געהאַט, האָב איך געגעבן!

עוזר שווײַגט און מענדל זעצט זיך צוריק.

— און ווו איז דײַן טײַ? — פֿרעגט ער אומגעדולדיק.

עוזר קלינגט נאָך אַ מאָל און פֿון דער צווייטער שטוב הערט זיך דעם ווײַבס תּשובה, אַז עס וועט באַלד זײַן.

מענדל גענעצט ווײַטער.

— איך מיין באמת, — מאַכט ווײַטער עוזר, — פֿאַרלאַנגסטו איך זאָל אין גאַנצן געבן! דאַרפֿסט דאָך האָבן „יהדות”!

— חס-ושלום, — ענטפֿערט מענדל, — נעם ווו דו ווילסט, נאָר איך גיין קאָן נישט! איך קאָן נישט!

— בין איך שולדיק?

— הער, עוזר! איך דאַרף פֿינף הונדערט רובל נדן און אַ פֿופֿציק רובל חתונה-הוצאות, אַ ביסל חתונה-קליידער, ווי געזאָגט, האָב איך... מיט דער רעשט וועל איך אים שוין אָנפֿײַפֿן, דעם אַלטן תּרח... איז בסך-הכל — פֿינף הונדערט און פֿופֿציק רובל... פֿון דעם טאָר שוין קיין דרײַער נישט פֿעלן!

עוזר שאָקלט מיטן קאָפּ; ער איז כּמעט מודה: — אָבער...

— און דערויף, — לאָזט אים מענדל צום וואָרט נישט קומען, — האָב איך דאָס!

ער וואַרפֿט אַרויס פֿון בוזעם אויף עוזרס שויס אַ פֿאַרפֿעצט לײַוונטן בײַטעלע.

— ציול! — מאַכט ער.

עוזר נעמט זיך צום בײַטל, קראַצט אַרויס אַ פּעקל פֿאַרקנוילטע באַנקצעטלען און ציילט אויס הונדערט פֿיר און זעכציק רובל.

— איך האָב פֿאַרקויפֿט, — פֿאַרטײַטשט אים מענדל, — די שטוב מײַנע, האָב איך דאָס געלט!

עוזר פּאַקט צוריק דאָס געלט אין בײַטל אַרײַן און וויל עס צוריקגעבן מענדלען.

— ניין, — ווענדט זיך מענדל אָפּ, — איך האָב געשוואָלענע פֿיס... גיין וועל איך נישט... דאָס געלט האַלט שוין בײַ דיר... איך האָב בײַ דיר פֿינף הונדערט און פֿופֿציק רובל! און צייט גיב איך

דיר, איך וועל דאַ זײַן עטלעכע טעג, וועסט האָבן גענוג צײַט! אגב — וועל איך מיך בײַ דיר אַ ביסל אָפּרוען און אָנעסן זיך — פאַרשטייסט! הכלל — צײַט האָסטו גענוג!... פאָרן אַוועקפאָרן וועסטו מיר געבן דײַנס אַ שלישית אויף פינף הונדערט רובל, פּאָפּציק רובל מזומן אויף חתונה־הוצאות און אַ פינפער־רובל צו פאָרן קיין גער — נעמען מעגסטו, בײַ וועמען דו ווילסט... נישט מײַן דאגה!

— נו! — ברומט עוזר.

— און אין גער, — מאַכט מענדל, — וועל איך שוין בלײַבן... וועט זיך מיר גלוסטן וועל איך אַ מאָל אַרײַנפאָלן צו דיר אויף אַ פּאָר וואָכן.

— נו, — ברומט ווייטער ר׳ עוזר.

— שלאָפן, — מאַכט מענדל, — וועל איך טאַקע, אויב איך וועל קומען, דאָ, אויף דער קאַנאַפּע, אַ ווילע קאַנאַפּע.

ווערטער־פאַרטייטש

הכנסת־כלה — די מיצווה חתונה צו מאַכן אַן אָרעמע מיידל.
עין־הרע — שלעכט־אויג; גוט־אויג.
גביר — רײַכער מאַן.
ווער מיר גוטס גינט — ווער עס ווינטשט מיר גוטס.
סעודה — מאָלצײַט.
שבתניקעס — שבת־לײַכטער.
איש־מפי־איש — איין מענטש פון מויל פון צווייטן; פון מויל צו מויל.
גן־עדן — פלאַץ פאַר די נשמות פון די גוטע מענטשן נאָך זייער טויט.
משניות — דאָס ווערק פון די תנאים; צוזאַמענגעשטעלט בערך אין יאָר 200 פון דער איצטיקער צײַטרעכענונג.
נקבות — פרויען.
מלמד — לערער פון רעליגיעזע לימודים.
אפּיקורסות — אומגלייביקייט אין גאָט.
תיבה — דער קאַסטן וווּ נוח האָט זיך געראַטעוועט פון מבול.
מבול — פאַרפלייצונג, זייער שטאַרקער רעגן; די פאַרפלייצונג אין נוחס צײַטן.
משפּחה — פאַמיליע.
מן־הסתם — קענטיק, עס קען זײַן.
דיבוק — בייזער גײַסט; נשמה פון אַ געשטאָרבענעם וואָס באַהעפט זיך אין אַן אַנדער מענטשן.
בחוש — קלאָר, דײַטלעך.
דלות — אָרעמקייט.

מסופק — אין צווייפל, אומזיכער.
שקצימלעך — שטיפערלעך; ניט־יידישע קינדער.
אַ פּנים — ווי עס ווייזט זיך אויס.
לאָ — ניין, נישט.
כּדבעי — ווי עס באַדאַרף צו זיין.
מזומן - בענטשן — אַ ספּעציעלע ברכה נאָך עסן וואָס פאַרפליכטעט אַ גרופּע פון דריי מענטשן.

אם־ירצה־השם — מיט גאָטס ווילן.
בני־בית — הויזגעזינד, פאַמיליע.
שוטה — נאַר.
בקו־הבריאה — געזונט.
עסק — ענין; געשעפט.
בוררים — ריכטערס ביי אַן אויסגלייך.
ימח־שמו — זאָל אויסגעמעקט ווערן זיין נאָמען.
פּושע־ישראל — רשע, זינדיקער מענטש.
פּסק — שטראָף, אַן אָפּשניט; אורטייל.
חולי־נופל — דאָס פאַליקע, עפּילעפּסיע.
בהן־צדקי — אויף מיין ערנוואָרט.
העזה — חוצפּה; מוט.
חצי־נדן — האַלב נדן.
קנס — שטראָף.
כּעס — צאָרן, פאַרדרוס.
דאגה — זאָרג.
תשובה — ענטפער; אומקערן זיך פון אַ שלעכטן וועג, חרטה האָבן אויף שלעכטע מעשים.
יהדות — ייִדישקייט, וואָס דאָס מיינט אויך מענטשלעכקייט.
חס־ושלום — זאָל גאָט אָפּהיטן.
נדן — געלט וואָס דער כלהס פאָטער גיט ווי אַ מתנה דעם חתן.
תּרח — אבֿרהמס פאָטער דער געצן־דינער; סינאָנים אויף אַ שלעכטן נאַרישן מענטשן.
בסך־הכּל — די גאַנצע סומע, דער לעצטער רעזולטאַט.
מודה זיין — אָנערקענען, צוגעבן.
שלישית — אַ דאָקומענט, אַ טשעק.
מזומן — באַר געלט.
אגבֿ — דערווייל.

בערל דער שניידער

ערב

יום-כפור. אין בערדיטשעווער שול. צוגעפאלן איז די נאכט.

די זקנים האבן אפגעזאגט: „על דעת המקום ועל דעת הקהל"... צעגאנגען זיך אויף זייערע ערטער. ר' לוי יצחק שטייט ביים עמוד. ער דארף זאגן „כל נדרי" און — שווייגט.

אלע אויגן הענגען אויף זיין רוקן. אין עזרת-נשים — א שטיל-קייט ווי אויפן ים פאר א רעש. ער וועט אנהייבן, און אפשר, ווי זיין שטייגער איז א מאל, מיט א הקדמה. וועט זיך פריער אויס-טענהן, כדבר איש אל רעהו, מיטן רבונו של עולם — אויף מאמע-לשון...

נאר ר' לוי יצחק שטייט, איינגעהילט אין קיטל און טלית פארן עמוד און שווייגט.

וואס באטייט עס?

זיינען די שערי-תפילה נאך פארמאכט? האט ר' לוי-יצחק קיין כוח נישט אנצוקלאפן? ער שטייט מיטן קאפ א ביסל איבערגעבויגן, מיט איין אויער ארויף, גלייך ער הערט עפעס פון דארט? וויל ער הערן אויפשליסן?

און פלוצלונג דרייט זיך ר' לוי-יצחק אוים צום עולם און גיט א רוף:

— שמש!

לויפט דער שול-שמש צו! פרעגט ער אים;

— בערל דער שניידער שוין דא?

דער עולם ווערט ניבהל ונישתומם. דער שמש שטאמלט: ער ווייס נישט; הייבט זיך אן ארומצוקוקן. ר' לוי יצחק אליין קוקט זיך אויך ארום.

— ניין, ער איז נישטא! — זאגט ער, — אין דער היים געבליבן.

און ווענדט זיך נאך א מאל צום שמש:

— גיי אהיים, צו בערל שניידער, און רוף אים אהער! זאג, איך, לוי-יצחק, דער רב פון שטאט, רופט.

גייט ער, דער שמש.

בערל דער שניידער וווינט אין שול-געסל, נישט ווייט פון שול,

ווארט מען נישט לאַנג. קומט ער, בערל שנײַדער, אַן קיטל און טלית, אין דער וואָכעדיקער קאַפּאָטע, מיט אַן אַנגערוקטן פּנים און אויגן — האַלב בייזע, האַלב צעשראָקענע, און גייט צו צו ר׳ לוי־יצחקן:

— איר האָט מיך גערופֿן, רבי, בין איך צו אײַך געקומען!

— „צו אײַך” איז ער מטעים.

שמייכלט ר׳ לוי יצחק.

— זאָג נאָר, — מאַכט ער ,בערל, וואָס רעדט מען עס אַזוי פֿיל פֿון דיר אין דער הייך? עס איז דאָך פֿול מיט דיר די פּמליא של מעלה. עפּעס אַ רעש האָסטו אָנגעמאַכט. מען הערט נישט מער, נאָר: בערל דער שנײַדער און בערל דער שנײַדער.

— אַהאַ! — מאַכט בערל שנײַדער מיט נצחון.

— האָסט עפּעס אַ טענה?

זאָגט ער:

— אַוודאי!

— צו וועמען?

— צום רבונו־של־עולם! — זאָגט ער.

דער עולם אַרום וואַלט דעם שנײַדערוק צעריסן. ר׳ לוי יצחק צעשמייכלט זיך נאָך ברייטער:

— אפֿשר וועסטו, בערל, דערציילן וועגן וואָס עס גייט?

— אדרבא! — זאָגט בערל דער שנײַדער, — מהיכא תיתי...

— זאָגט ער, — איך קאָן אַפֿילו פֿאַר אײַך אַ דין־תורה האָבן! זאָל איך טענהן?

— רעד!

טענהט ער, בערל דער שנײַדער:

— איבערן גאַנצן זומער, לא־עליכם, רבי, קיין שטאָך אַרבעט נישט געהאַט... נישט פֿון אַ ייִדן, ניט, להבדיל, פֿון אַ פּויער. כאַטש לייג זיך, — זאָגט ער, — און שטרעק אויס די צונג.

— אײַ, — גלייבט זיך נישט ר׳ לוי יצחק, — זרע אַבֿרהם, יצחק ויעקבֿ זענען דאָך רחמנים בני רחמנים. געדאַרפֿט זיך פֿאַרטרויען.

— דאָס נישט, רבי. איך זאָג נישט און איך נעם נישט.

קיין מתנת בשר־ודם וויל ער נישט. ער האָט אַזאַ חלק אין רבונו־של־עולם, ווי יענער...

וואָס ער האָט יאָ געטאָן, — אַ מיידל האָט ער, האָט ער זי אוועקגעשיקט דינען. ערגעץ אַנדערש, אין אַ גרעסערער שטאָט אַרײַן געשיקט.

זיצט ער אַזוי אין דער היים און וואַרט, וואָס זײַן ליבער נאָמען וועט טאָן...

פֿאַר סוכות, די טיר עפֿנט זיך. אַהאַ! דערוואַרט זיך: און עס

קומט טאַקע אַריין אַ שליח-מיוחד פֿונעם פּריץ, מען רופֿט אים אונ־טערנייען אַ פּעלץ.

גוט. דער רבונו־של־עולם שפּײַזט! פֿאַרט ער, קומט ער אין פּאַ־לאַץ אַריין. מע פֿירט אים אין אַ חדר־מיוחד אַרײַן. מען גיט אים איבער פֿעלעכלעך.

— זאָלט איר זען, רבי, פֿוקסענע פֿעלעכלעך! פֿון פֿוקסנלאַנד...

— עס איז דאָך כל־נדרי־צייט, — וואָרנט אים ר׳ לוי יצחק: הכּלל, האָסטו אונטערגענייט. וואָס איז ווײַטער געשען?

— אַ קלייניקייט איז געשען: דרײַ פֿעלכלעך זענען געבליבן.

— האָסטו זיי צוגענומען?

— נישט אַזוי לײַכט, רבי, ווי עס רעדט זיך! אַז מען קומט אַרויס פֿון פּאַלאַץ שטייט בײַ דעם טויער אַ שומר. האָט ער אַ חשד, באַ־זוכט ער. טוט די שטיוול אויס. און געפֿינט מען, רבי, בײַ מיר, חס־ושלום פֿעלעכלעך, האָט דער פּריץ כּלבים, האָט דער פּריץ ריטער...

— נו, וואָס האָסטו געטאָן?

— איז דאָך אָבער בערל — בערל שנײַדער! גיי איך מיר, רבי. אין קיך אַריין, בעט מען זאָל מיר אַהיים געבן אַ ברויט...

— גוייִש ברויט, בערל!

— נישט, חלילה, צום עסן, רבי! — מען האָט מיר געגעבן אַ ברויט. אַ גרויס ברויט. איך גיי דערמיט אַרײַן צוריק אין שטוב אַרײַן, שנײַד עס אויף, הויל עס אויס, קנעט דאָס ווייכע אַזוי לאַנג אין די הענט, ביז עס ווערט דורכגענומען מיט שווייס און וואַרף עס דעם כּלב, וואָס ליגט אין חדר. אַ כּלב האָט ליב מענטשן־שווייס. און די דרײַ פֿעלעכלעך פּאַק איך אין אויסגעהוילטן ברויטל אַרײַן און גיי.

ביי דעם טויער:

— וואָס טראָגסטו, ייִד, אונטערן אָרעם?

ווײַז איך: אַ ברויט!

איך קום בשלום אַריבער און אַ ביסל ווײַטער מאַך איך שוין פֿיס... און גיי נישט מיטן וועג. איבער די גראָזן גיי איך. פֿעלד אויס, פֿעלד אײַן: אַ קורצער וועג — אַ פֿעלדוועג.

גיי איך און טאַנץ אַ ביסל אונטער: אַן אתרוג וועט זײַן. אַ לולבֿ! נישט קהלס, נישט געבאָרגט... טײַערע פֿעלעכלעך...

הייבט אָבער אָן די ערד אונטער מיר עפּעס צו ציטערן... איך דערקען שוין דאָס ציטערן. אַ רײַטער יאָגט הינטער מיר, מען יאָגט מיך נאָך! דער מאַמעס מילך ווערט מיר אַנטרונען. מן־הסתם, אי־בערגעציילט די פֿעלעכלעך... אַנטלויפֿן איז נאַריש, — אַ רײַטער, דעם פּריצס אַ פֿערד... כאַפּ איך, קודם כּל, דאָס ברויטל און וואַרף אין די

קוסטעם אַרײַן. מאַך מיר פֿון דעסט וועגן אַ סימן, אַ גוטן סימן, און שטעל מיך אָפּ.
מען רופֿט שוין:
— בערקאַ! אַ, בערקאַ!
דאָס איז ער, דעם פּריצס קאַזאַקל, איך דערקען זײַן קולכל! אױ־געוואַלד, רבי, ציטערט! די נשמה איז אין די קנעכל, נאָר בערל שנײַדער דרייט זיך אויס, און גייט אַנטקעגן רויִק, ווי נישט אים מיינט מען.
ווײַזט זיך אַרויס — אַן אומזיסטע שרעק!
איך האָב פֿאַרגעסן אַ הענגער אַנצונייען, האָט מען נאָך מיר אַ רײַטער געשיקט.
און ער שלעפּט מיך שוין אויפֿן פֿערד אַרויף. דרייט עס אויס, מען רײַט שוין...
בענטש איך אין האַרצן גומל, ניי אָן דעם הענגער און גיי צוריק.
איך קום צום סימן: ואיננו — נישטאָ דאָס ברויט!
שוין לאַנג נאָך שניט; קיין בן־אָדם גייט דאָ נישט. קיין פֿויגל אין דער וועלט וועט אַזאַ משׂא נישט אויפֿהייבן... פֿאַרשטיי איך. ווער עס האָט עס געטאָן...
פֿרעגט ר׳ לוי יצחק:
— ווער?
— ער! — ענטפֿערט בערל שנײַדער, און טוט מיטן פֿינגער אַ ווײַז צו דער הייך, — דער ריבונו־של־עולם, זײַן אַרבעט, רבי! און איך ווייס פֿאַר וואָס... ער, דער האַר, דער גרויסער, וויל נישט אַז זײַן קנעכט, אַז איך, זײַן בערל דער שנײַדער, זאָל נעמען יִתור...
— נו, אוודאי, — מאַכט ר׳ לוי יצחק ווייך, — לויט דין...
— דין — שמין! — מאַכט בערל. — ער ווייסט, אַז אַ מנהג ברעכט אַ דין און נישט איך, — זאָגט ער, — האָב יִתור באַשאַפֿן. אַ מנהג פֿון פֿאַרצײַטן!
— און ווידער, — טענהט ער, — פֿאַרקערט: איז דער ריבונו־של־עולם אַזאַ גרויסער, שטאָלצער פּריץ, און וויל נישט אַז דער אָרעמסטער עבד פֿון זײַנע עבדים, זײַן קנעכט בערל דער שנײַדער, וואָס דינט בײַ אים, זאָל נעמען יִתור, — זאָל ער געבן פּרנסה.
נ י ש ט דאָס און נ י ש ט דאָס, וויל ער נישט!
— וויל איך, — זאָגט ער, — דעם ריבונו־של־עולם נישט דינען.
איך האָב, — זאָגט ער, — אַ נדר געטאָן: אויס!
גיט דער עולם אַ ברום ווי אַ בער. הייבן זיך הענט — וויל מען צולויפֿן. ר׳ לוי יצחק מאַכט:
— שאַ!
דער עולם בלײַבט שטיל און ר׳ לוי יצחק פֿרעגט ווייך:

— און וואָס ווײַטער, בערל?

— גאָרנישט! — דערציילט ער, — איך קום אַהיים, איך וואַש מיך נישט איך עס אומגעוואַשן מײַן ווײַב וויל עפּענען אַ מויל, — אַ פּליאַסק! איך לייג מיך: אָן קריאת־שמע לייג איך מיך. די לעפּצן ווילן אַליין זאָגן: איך פֿאַרבײַס מיט די ציין. אין דער פֿרי: קיין ברכה, קיין דאַוונען, קיין טלית ותפילין. „גיב עסן!" מײַן ווײַב מאַכט פּים פֿון שטוב אַרויס. אין דאַרף אַרײַן, צום פֿאַטער, צום אַרענדאַר געלאָפֿן, איז אָן אַ ווײַב! איך האָב נאָך הנאה דערפֿון. איך, ווי איך, איך בין בערל שנײַדער. זי, אַ שוואַכע יִדענע זאָל זי נ י ש ט זײַן אין דער מיט! און איך טו מיר מײַנס: קיין סוכּה, קיין אתרוג, קיין לולב, איך נעם אַ מאָל אַ ביסל: יום־טוב — מאַך איך קיין קידוש נישט; שמחת־תּורה, כאַפּ איך, און טו אָן אַ זאַק איבערן קאָפּ. להכעיס!

קומט סליחות־צייט, ווערט אַ ביסל קאַלאַמוטנע. דער שמש קלאַפּט, דאָס האַרץ קלאַפּט, עס ציט... בין איך דאָך אָבער בערל שנײַדער! אַ וואָרט האַלט איך! איך דעק מיך צו איבערן קאָפּ, איך האַלט אויס! נישט זען... עס קומט ראש־השנה — איך ריר מיך נישט. עס קומט די צײַט פֿון שופֿר בלאָזן, כאַפּ איך שטיקער וואַטע און פֿאַרשטאָפּ די אויערן... עס רײַסט דאָס האַרץ, אַ צער בעלי־חיים, רבי... און איך מיאוס מיך פֿאַר מיר אַליין. גיי אַרום אומגעוואַשן, אין אומריינקייט. אַ שטיקל שפּיגעלע הענגט, איך דריי עס איבער צו דער וואַנט, איך וויל מײַן פּרצוף נישט זען. דער עולם, דערהער איך, גייט צו תשליך...

ער בלײַבט שטיל אַ ווײַלע און שפּרינגט באַלד אונטער!

— אָבער גערעכט, רבי, בין איך! אָפּטרעטן מיט גאָרנישט וועל איך נישט!

טראַכט ר' לוי יצחק אַ ווײַלע און פֿרעגט:

— און וואָס זשע ווילסטו, בערל שנײַדער?... ווילסט פּרנסה?

בערל באַליידיקט זיך:

— קײַ און שפּײַ פּרנסה! פּרנסה האָט ער געזאָלט פֿריער געבן! און פּרנסה קומט יעדן! דעם פֿויגל אין דער לופֿט, דעם ווערעמל אויף דער ערד. אַצינד וויל בערל שנײַדער מער!

— זאָג, בערעלע, וואָס.

און בערל שטעלט זיך אָפּ:

— אמת, רבי, יום־כּיפּור איז נאָר מכפּר אויף עבֿירות שבין אָדם למקום?

— אמת!

— און עבֿירות שבין אָדם לחבֿרו — נישט!

— ניין!

גלייכט זיך בערל שניידער אוים איז דער הייך, ווי א סטרונע, און זאגט פעסט און הויך:

— וויל איך, בערל שניידער, אנדערש זיך נישט אונטערגעבן, אנדערש צוריק אין דער דינסט צום ריבונו־של־עולם נישט אריינ־טרעטן, ביז דער ריבונו־של־עולם וועט נישט דאס יאר, מיר צוליב, מוחל זיין די עבירות אויך! בין איך גערעכט, רבי?

— גערעכט! — ענטפערט ר׳ לוי יצחק, — און האלט דיך, — זאגט ער, ביי דיין פארלאנג, מען וועט דיר מוזן נאכגעבן...

און ער קערט זיך אום צום עמוד, קוקט ארויף, הערט זיך איין א ווײַלע און איז באלד מבשר:

— האסט געפועלט, בערל! גיי נאך קיטל און טלית!

ווערטער־פארטייטש

עזרת־נשים — פרויען־אפטיילונג אין שול.

כדבר איש אל רעהו — ווי א מענטש רעדט צו זיין פריינד.

שערי־תפילה — די טויערן פון הימל, וואס דורך זיי קומען ארויף די תפילות צו גאט.

ניבהל ונישתומם — שטארק פארוווּנדערט.

איז ער מטעים — שטרייכט שטארק אונטער.

פמליא־של־מעלה — דאס הימלישע געריכט.

נצחון — זיג.

מהיכא־תיתי — זאל זיין אזוי; פאר וואס ניט?

לא־עליכם — נישט פאר אייך געדאכט.

להבדיל — אונטערצושיידן.

זרע אברהם, יצחק ויעקב — קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב.

רחמנים־בני־רחמנים — גוטע, רחמנותדיקע מענטשן, זין פון גוטע מענטשן.

מתנת־בשר־ודם — מתנה פון א מענטשן.

שליח־מיוחד — א ספעציעלער שליח.

הדר־מיוחד — א ספעציעלער צימער.

חשד — פארדאכט.

גומל - בענטשן — דאנקען גאט, וואס האט געראטעוועט פון אן אומגליק.

בן־אדם — מענטשנקינד, מענטש.

יתור — סחורה וואס בלייבט נאכן אויפנייען א מלבוש.

קריאת־שמע — די תפילה וואס הייבט זיך אן מיט „שמע ישראל". מע לייענט קריאת־שמע אין דער פרי און אין אוונט.

סליחות - צייט — די וואָך פאַר ראש-השנה ווען מע זאָגט ספּעציעלע תּפילות — סליחות.

פּרצוף — פּנים.

תּשליך — ראש-השנה ביי טאָג גייט מען צו אַ לויפיק וואַסער און מע זאָגט די תּפילה „תּשליך במצולות ים" — זאָלסט אַריינוואַרפן (אונדזערע זינד) אין די טיפענישן פון ים.

עבירות שבין אָדם לחברו — זינד צווישן איין מענטשן און אַנדערן.

עבירות שבין אָדם למקום — זינד צווישן מענטשן און גאָט.

מבשׂר — ער זאָגט אָן די בשׂורה.

באָנטשע שווײַג

דאָ

אויף ד ע ר וועלט האָט באָנטשעס שווײַגט טויט גאָר קיין אײַנדרוק נישט געמאַכט! פֿרעגט עמעצן בחרם: ווער באָנטשע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אין אים דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כּוחות זײַנען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרכביין האָט זיך איבערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אפֿשר איז ער גאָר פֿאַר הונגער געשטאָרבן!

אַ פֿערד אין טראַמוויַ זאָל פֿאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט. עס וואָלטן צײַטונגען געשריבן, הונדערטער מענטשן וואָלטן פֿון אַלע גאַסן געלאָפֿן און די נבֿלה באַקוקט; באַטראַכט אַפֿילו דאָס אָרט, ווו די מפּלה איז געווען...

נאָר דאָס פֿערד אין טראַמוויַ וואָלט אויך די זכיה נישט געהאַט, ווען עס זאָלן זײַן אַזויפֿיל פֿערד ווי מענטשן — טויזנט מיליאָן!

באָנטשע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן! ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונדזער וועלט!

אויף באָנטשעס ברית האָט מען קיין ווײַן נישט געטרונקען, עס האָבן קיין כּוסות נישט געקלונגען! צו בר־מצווה האָט ער קיין קלינגענדיקע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרוי קליין קערנדל זאַמד בײַם ברעג פֿון ים, צווישן מיליאָנען זײַנס גלײַכן; און, אַז דער ווינט האָט אים אויפֿגעהויבן און אויף דער אַנדערער זײַט ים אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באַמערקט!

בײַם לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פֿון זײַן פֿוס נים באַהאַלטן? נאָכן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פֿון זײַן קבֿר אומגעוואָרפֿן; דעם קבֿרנס ווײַב האָט עס געפֿונען ווײַט פֿון זײַן קבֿר און דערבײַ אַ טעפּל קאַרטאָפֿל אָפּגעקאָכט... עס איז דרײַ טעג נאָך באָנטשעס טויט, פֿרעגט דעם קבֿרן בחרם, ווו ער האָט אים געלייגט!

אַ שאָטן! זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע איז נישט געבליבן בײַ קיינעם אין מוח, בײַ קיינעם אין האַרץ; עס איז פֿון אים קיין זכר געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד"; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

באָנטשע שווייג

אילוסטרירט
יאָסל בערגנער

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט אפשר עמעצער אַמאָל דערהערט ווי באַנטשעס מאַרכביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מער צײַט געהאַט, וואָלט עמעצער אפשר אַמאָל באַמערקט, אַז באַנטשע האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגע־לאָשענע אויגן און שרעקלעך אײַנגעפֿאַלענע באַקן; אַז אפילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלייך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זײַן קבֿר געזוכט! וואָלטן אַזוי ווייניק מענטשן, ווי פֿערד אין טראַמ־ווײַ געווען, וואָלט אפשר אַמאָל עמעצער געפֿרעגט: ווו איז באַנטשע אַהינגעקומען?!

ווען מען האָט באַנטשען אין שפּיטאָל אַרײַנגעפֿירט, איז זײַן ווינקל אין סוטערינע נישט ליידיק געבליבן — עס האָבן דערויף צען זײַנס־גלײַכן געוואַרט; ווען מען האָט אים פֿון שפּיטאָלבעט אין טויטן שטיבל אַרײַנגעטראָגן, האָבן אויפֿן בעט צוואַנציק אָרעמע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז אַרויס פֿון טויטן־שטיבל האָט מען צוואַנציק הרוגים פֿון אונטער אַן אײַנגעפֿאַלן הויז געבראַכט. ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט רויִק ווױנען אין קבֿר? ווער ווייסט וויפֿל עס וואַרטן שוין אויף דעם שטיקל פּלאַץ...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטי־לער באַגראָבן.

— —

נאָר נישט אַזוי איז געווען אויף יענער וועלט! דאָרטן האָט באַנטשעס טויט אַ גרויסן אײַנדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שופֿר פֿון משיחס צײַטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען; באַנטשע שווײַג איז ניפֿטר געוואָרן!" די גרעסטע מלאָכים מיט די ברייטסטע פֿליגל זײַנען געפֿלויגן און איינער האָט ז'עם אַנדערן איבערגעגעבן: „באַנטשע איז גערופֿן געוואָרן בישיבֿה־של־מעלה!" אין גן־עדן איז אַ רעש, אַ שימחה ,אַ גערודער: „באַנטשע שווײַג! אַ שפּאַס — באַנטשע שווײַג!!!"

יונגע מלאָכימלעך מיט בריליאַנטענע אייגעלעך, גאָלדענע פֿלי־געלעך און זילבערנע פֿאַנטאָפֿעלעך זײַנען באַנטשען אַנטקעגן געלאָפֿן מיט שימחה! דער גערויש פֿון די פֿליגל, דאָס קלאַפּן פֿון די פֿאַנטאָ־פֿעלעך און דאָס פֿריילעכע לאַכן פֿון די יונגע, פֿרישע מײַלכעלעך האָט פֿאַרפֿולט אַלע הימלען און איז צוגעקומען ביז צום כּסא־הכּבֿוד, און גאָט אַליין האָט אויך שוין געוווּסט, אַז באַנטשע שווײַג קומט!

אבֿרהם אָבֿינו האָט זיך אין טויער־הימל געשטעלט, די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט צום ברייטן „שלום־עליכם" און אַ זיסער שמייכל שײַנט אַזוי העל אויף זײַן אַלטן פּנים!

וואָס רעדלט זיך אַזוי אין הימל?

דאָס האָבן צוויי מלאָכים אין גן־עדן אַריין פּאָר באָנטשעס וועגן אַ גינגאָלדענע פאָטערשטול אויף רעדלעך געפירט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טײַערס־טע שטיינער געזעצט! אַלץ פאַר באָנטשען!

— נאָך פאַרן פסק פון בית־דין־של־מעלה? — פרעגן די צדיקים פאַרוואונדערט און נישט אָן קינאה.

— אָ! — ענטפערן די מלאָכים, — דאָס וועט זײַן אַ פּראָסטע, פּוסטע פאָרמע! קעגן באָנטשע שווײַג וועט אפילו דער קטיגור קיין וואָרט אין מויל נישט געפינען! דער משפט וועט דויערן פינף מי־נוט!

— איר שפּילט זיך מיט באָנטשע שווײַג?

אַז די מלאָכימלעך האָבן באָנטשען געכאַפּט אין דער לופט און אָפּגעשפּילט אים אַ זמר: אַז אברהם אבינו האָט אים ווי אַן אַלטן פרײַנד די האַנט געשאָקלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זײַן שטול איז גרייט אין גן־עדן; אַז אויף זײַן קאָפּ וואַרט אַ קרוין; אַז אין בית־דין־של־מעלה וועט מען איבער אים קיין וואָרט נישט ריידן — האָט באָנטשע, גלײַך ווי אויף יענער וועלט, געשוויגן פאַר שרעק! עס איז אים דאָס האַרץ אַרויסגעפאַלן! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זײַן אַ חלום, אָדער אַ פּראָסטער טעות!

ער איז צו בײדע געוווינט! נישט איין מאָל האָט זיך אים אויף יענער וועלט געחלומט, אַז ער קלײַבט געלט אויף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אוצרות ליגן... און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ גרעסע־רער קבצן ווי נעכטן... נישט איין מאָל האָט אים עמעץ דורך אַ טעות צוגעשמייכלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און איבערגעדרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מײַן מזל, — טראַכט ער, — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מורא די אויגן אויפצוהייבן, דער חלום זאָל ניט פאַרשווינדן: ער זאָל זיך נישט אויפכאַפּן ערגעץ אין אַ הייל צווישן שלאַנגען און עקדעשן! ער האָט מורא פון מויל אַ קלאַנג אַרויסצו־לאָזן, מיט אַ גליד אַ ריר צו טאָן — מען זאָל אים נישט דערקענען און אַוועקשלײַדערן אויף כּף־הקלע...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאָכימס קאָמפּלימענטן, זעט נישט זייער טאַנצן אַרום אים. ער ענטפערט נישט אברהם אבינו אויפן האַרציקן "שלום־עליכם", און — געפירט צום בית־דין־של־מעלה — זאָגט ער אים קיין „גוט־מאָרגן" נישט...

אויסער זיך איז ער פאַר שרעק!

און זײַן שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, אַז ער האָט, נישט

ווילנדיק, דערזען די פּאַדלאַגע פֿון בית־דין־של־מעלה. סאַמע אַלע־באַסטער מיט בריליאַנטן! „אויף אַזאַ פּאַדלאַגע שטייען מיַינע פֿיס!״ — ער ווערט אין גאַנצן פֿאַרשטאַרט! „ווער ווייסט וועלכן גביר, וועלכן רבֿ, וועלכן צדיק מע מיינט... ער וועט קומען וועט זיַין מיַין פֿינצטערער סוף!״

פֿאַר שרעק האָט ער אַפֿילו נישט געהערט ווי דער פּרעזעס האָט בפֿירוש אויסגערופֿן: „דער משפּט פֿון באַנטשע שווייַג!״ און, דערלאַנגענדיק דעם מליץ־יושר די אַקטן, געזאָגט: „לייען, נאָר בקיצור!״

מיט באַנטשען דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָן. עס רוישט אים אין די אויערן. אינעם גערויש הערט ער דאָך אַלע מאָל שאַרפֿער און שאַרפֿער דעם מלאך־מליצס זיס קול ווי אַ פֿידל:

— זיַין נאָמען, — הערט ער, האָט אים געפּאַסט ווי צו אַ שלאַנק לייַב אַ קלייד פֿון אַן אַרטיסט אַ שנייַדערס האַנט.

— וואָס רעדט ער? — פֿרעגט זיך באַנטשע, און ער הערט ווי אַן אומגעדולדיק קול האַקט אים איבער און זאָגט:

— נאָר אָן משלים!

— ער האָט זיך קיין מאָל, — הייבט וויַיטער אָן דער מליץ־יושר, — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָט, נישט אויף לייַט; אין זיַין אויג האָט קיין מאָל נישט אויפֿגעפֿלאַמט קיין פֿונק פֿון האַס, ער האָט עס קיין מאָל נישט אויפֿגעהויבן מיט אַ פּרע־טענזיע צום הימל.

באַנטשע פֿאַרשטייט וויַיטער נישט אַ וואָרט, און דאָס קול שלאָגט וויַיטער איבער:

— אָן רעטאָריק!

— איוב האָט נישט אויסגעהאַלטן, ע ר איז אומגליקלעכער געוועזן...

— פֿאַקטן, טרוקענע פֿאַקטן! — רופֿט נאָך אומגעדולדיקער דער פּרעזעס.

— צו אַכט טאָג האָט מען אים מל געווען...

— נאָר אָן רעאַליזם!

— אַ מוהל, אַ פּושער, האָט דאָס בלוט נישט פֿאַרהאַלטן...

— וויַיטער!

— ער האָט אַלץ געשוויגן (פֿירט וויַיטער דער מליץ־יושר, אַפֿילו ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרייַצן יאָר אַ שטיפֿמאַמע באַקומען... אַ שטיפֿמאַמע אַ שלאַנג, אַ מרשעת...

— מיינט מען דאָך אַפֿשר פֿאָרט מיך? — טראַכט באַנטשע.

— אָן אינסינואַציעס אויף דריטע פּערזאָנען, — בייזערט זיך דער פּרעזעס.

— זי פֿלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פֿאַרשימלט ברויט... האָר־פֿלאַקס פֿאַר פֿלייש... און ז י האָט קאַווע מיט סמעטענע געטרונקען.

— צו דער זאַך! — שרייַט דער פּרעזעס.

— זי האָט אים פֿאַר דעם קיין נעגל נישט געקראַצט און זיין ברוין־און־בלוי לייַב פֿלעגט אַרויסקוקן דורך אַלע לעכער פֿון זייַנע פֿאַרשימלט־צעריסענע קליידער... ווינטער, אין די גרעסטע פֿרעסט, האָט ער איר באָרוועס אויפֿן הויף האָלץ געהאַקט, און די הענט זייַנען צו יונג און צו שוואַך געווען, די קלעצלעך צו דיק, די האַק צו שטומפּיק... נישט איין מאָל האָט ער זיך די האַנט פֿון די גע־לענקען אויסגעריסן, נישט איין מאָל האָט ער זיך די פֿיס אָפּגע־פֿרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אַפֿילו זיך פֿאַרן פֿאָטער...

— פֿאַרן שיכּור! — לאַכט אַריין דער קטיגור, און באַנטשען ווערט קאַלט אין אַלע איבֿרים.

— נישט געקלאָגט, — ענדיקט דער מליץ־יושר דעם זאַץ.

— און שטענדיק עלנט, — פֿירט ער ווייַטער, — קיין חבֿר, קיין תּלמוד־תּורה, קיין חדר... קיין גאַנץ בגד... קיין פֿרייַע מינוט...

— פֿאַקטן! — רופֿט ווייַטער דער פּרעזעס.

— ער האָט געשוויגן אַפֿילו שפּעטער, ווען דער פֿאָטער האָט אים, שיכּורערהייט, אַמאָל אָנגעכאַפּט ביַי די האָר און אין מיטן אַ שנייַדנדיקער ווינטערנאַכט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב! ער האָט זיך שטיל אויפֿגעהויבן פֿון שניי און איז אַנטלאָפֿן ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

— אויפֿן גאַנצן וועג האָט ער געשוויגן... ביַים גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט!

— ערשט אין אַ שווינדלדיקער נאַסער פֿרילינגנאַכט איז ער אין אַ גרויסער שטאָט אַרייַנגעקומען; ער איז אַרייַן ווי אַ טראָפּן אין אַ ים און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פֿאַר־בראַכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפֿרעגט פֿאַר וואָס, פֿאַר ווען? ער איז אַרויס און די שווערסטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגן!

— שווערער פֿאַר דער אַרבעט איז געווען זי צו געפֿינען — ער האָט געשוויגן!

— באָדנדיק זיך אין קאַלטן שוויס, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, ביַים גרעסטן קראַמף אין ליידיקן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

— באַשפּריצט פֿון פֿרעמדער בלאָטע, באַשפּיגן פֿון פֿרעמדע מייַלער, געיאָגט פֿון טראָטואַרן מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָפּ אין גאַס צווישן דראָזשקעס, קאַרעטן און טראַמווייַען, קוקנדיק יעדע

מינוט דעם טויט אין די אויגן אַריַין — האָט ער געשוויגן!

— ער האָט קיין מאָל נישט איבערגערעכנט וויפֿל פּוד לאַסט עס קומט אויף אַ גראָשן, וויפֿל מאָל ער איז געפֿאַלן ביי יעדן גאַנג פֿאַר אַ דריַיער, וויפֿל מאָל ער האָט שיר נישט די נשמה אויסגעשפּיגן מאַנענדיק זיַין פֿאַרדינסט: ער האָט נישט גערעכנט, נישט זיַין, נישט יענעמס מזל, נאָר געשוויגן.

— זיַין אייגן פֿאַרדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט! ווי אַ בעטלער האָט ער זיך ביַי דער טיר געשטעלט, און אין די אויגן האָט זיך אַ הינטישע בקשה געמאָלן. „קום שפּעטער" — און ער איז פֿאַרשוווּנדן שטיל ווי אַ שאָטן, כדי שפּעטער נאָך שטילער אויסצובעטלען זיַין פֿאַרדינסט.

— ער האָט אַפֿילו געשוויגן, ווען מען פֿלעגט אים אָפּריַיסן פֿון זיַין פֿאַרדינסט אָדער אַריַינוואַרפֿן אַ פֿאַלשע מטבע!...

— ער האָט אַלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאַקע מיך! — טרייסט זיך באַנטשע.

— איין מאָל, — פֿירט וויַיטער דער מליץ-יושר נאָך אַ טרונק וואַסער, — איז אין זיַין לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפֿלויגן אַ קאַטש אויף גומענע רעדער מיט צעפֿלאַשעטע פֿערד... דער שמיַיסער איז שוין לאַנג פֿון וויַיטנס געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויפֿן ברוק... פֿון די דערשראָקענע פֿערדס מיַילער שפּריצט דער שוים, פֿון אונטער די פֿאַדקאָוועס יאָגן זיך פֿונקען, די אויגן בלישטשען ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פֿינצטערער נאַכט — און אין קאַטש זיצט נישט טויט, נישט לעבעדיק אַ מענטש!

— און באַנטשע האָט די פֿערד פֿאַרהאַלטן!

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ ייִד, אַ בעל-צדקה, און האָט באַנטשען די טובה נישט פֿאַרגעסן!

— ער האָט אים דעם דערהרגעטנס ביַיטש איבערגעגעבן; באַנטשע איז אַ שמיַיסער געוואָרן!

— מיך מיינט מען, מיך! — באַפֿעסטיקט זיך באַנטשע אין דער דעה, און האָט דאָך נישט די העזה אַן אויג צו וואַרפֿן אויפֿן „בית-דין של מעלה".

ער הערט זיך וויַיטער איַין צום מלאך-מליץ:

— ער האָט געשוויגן אַפֿילו ווען זיַין בעל-טובה האָט אין קורצן באַנקראָטירט און אים זיַין לוין נישט באַצאָלט...

— ער האָט געשוויגן אַפֿילו ווען דאָס ווייב איז פֿון אים אַנטלאָפֿן און איבערגעלאָזט אים אַ קינד פֿון דער ברוסט...

— ער האָט געשוויגן אַפֿילו מיט פֿופֿצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס

קינד איז אויפֿגעוואַקסן און גענוג שטאַרק געווען — באַנטשען אַרויסצוּוואַרפֿן פֿון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פֿרייט זיך באַנטשע.

— ער האָט אַפֿילו געשוויגן, — הייבט אָן ווייכער און טרויעריקער דער מלאך-מליץ, — ווען דער אייגענער בעל-טובֿה האָט זיך מיט אַלע אויסגעגלייַכט, נאָר אים קיין גראָשן שכירות נישט צוריקגעגעבן — און אַפֿילו דעמאָלסט, ווען ער איז באַנטשען (ווייַטער פֿאַרנדיק אויף אַ קאַטש מיט גומענע רעדער און פֿערד ווי לייבן) איבערגעפֿאָרן...

— ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אַפֿילו דער פּאָליציי נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צורעכט געמאַכט...

— ער האָט געשוויגן אַפֿילו אין שפּיטאָל, ווו מע מעג שוין שרייַען!

— ער האָט געשוויגן אַפֿילו ווען דער דאָקטאָר האָט אָן פֿופֿצן קאָפּיקעס נישט געוואָלט אַפֿילו צוגיין צו זייַן בעט, און דער וועכטער, אָן פֿינף קאָפּיקעס — טוישן אים די וועש!

— ער האָט געשוויגן בייַם גוססן — ער האָט געשוויגן ביים שטאַרבן.

— קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לייַט!

— גענוג!

באַטשע הייבט ווייַטער אָן צו ציטערן אויפֿן גאַנצן לייַב. ער ווייסט אַז נאָכן מליץ-יושר גייט דער קטיגור! ווער ווייסט וואָס דער וועט זאָגן! באַנטשע אַליין האָט זייַן לעבן נישט געדענקט. נאָך אויף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פֿריערדיקע פֿאַרגעסן... דער מלאך-מליץ האָט אים אַלץ דערמאָנט... ווער ווייסט וואָס דער קטיגור וועט אים דערמאָנען!

— רבותי! — הייבט אָן אַ שאַרף שטעכנדיק בריענדיק קויל — נאָר ער האַקט אָפּ.

— רבותי, — הייבט ער נאָך אַ מאָל אָן, נאָר ווייכער און האַקט ווייטער אָפּ.

ענדלעך הערט זיך, פֿון דעם אייגענעם האלדז אַרויס, כמעט אַ ווייך קול:

— רבותי! — ער האָט געשוויגן, וועל איך אויך שווייַגן!

עס ווערט שטיל — און פֿון פֿאַרנט הערט זיך אַ נייַע, ווייכע, ציטערדיקע שטימע:

— באַנטשע, מייַן קינד באַנטשע! — רופֿט אים ווי אַ האַרפֿע...

— מײַן האַרציק קינד, באַנטשע!

אין באַנטשען צעווײנט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצינד די אויגן געעפֿנט, נאָר זיי זײַנען פֿאַרפֿינצטערט פֿון טרערן... עס איז אים אַזוי זיס-וויינענדיק קיין מאָל נישט געווען... „מײַן קינד", „מײַן באַנטשע" — זינט די מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער אַזאַ קול און אַזוינע ווערטער נישט געהערט.

— מײַן קינד! — פֿירט ווײַטער דער אַב-בית-דין, — דו האָסט אַלץ געליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץ ביינדל אין דײַן לײַב אָן אַ וווּנד, אָן אַ בלוטיק אָרט, עס איז נישטאָ קיין איין באַהאַלטן אָרט אין דײַן נשמה, ווו עס זאָל נישט בלוטיקן... און דו האָסט אַלץ געשוויגן...

— דאָרט האָט מען זיך נישט פֿאַרשטאַנען דערויף! דו אַליין האָסט גאָר אַפֿשר נישט געוווּסט, אַז דו קענסט שרײַען און אַז פֿון דײַן געשריי קענען יריחום מויערן ציטערן און אײַנפֿאַלן? דו אַליין האָסט פֿון דײַן פֿאַרשלאָפֿענעם כוח נישט געוווּסט...

— אויף יענער וועלט האָט מען דײַן שווײַגן נישט באַלוינט. נאָר דאָרט איז דער עולם-השקר. דאָ, אויפֿן עולם-אמת, וועסטו דײַן לוין באַקומען!

— דיך וועט דאָס בית-דין-של-מעלה נישט משפּטן, דיך וועט עס נישט פּסקענען.

— דיר וועט עס קיין חלק נישט אויס-און נישט אָפּ-טיילן: נעם דיר וואָס דו ווילסט! אַלץ איז דײַן!

באַנטשע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף! ער ווערט ווי פֿאַרבלענדט פֿון דעם ליכט פֿון אַלע זײַטן! אַלץ בלאַנקט, אַלץ בלישטשעט, פֿון אַלץ יאָגן שטראַלן! פֿון די ווענט, פֿון די כּלים, פֿון די מלאָכים, פֿון די דיינים!

ער לאָזט די מידע אויגן אַראָפּ!

— טאַקע? — פֿרעגט ער מסופּק און פֿאַרשעמט.

— זיכער! — ענטפֿערט פֿעסט דער אַב-בית-דין! — זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלץ אין הימל געהערט צו דיר! קלײַב און נעם וואָס דו ווילסט, דו נעמסט נאָר בײַ דיר אַליין!

— טאַקע? — פֿרעגט באַנטשע נאָך אַמאָל, נאָר שוין מיט אַ זיכערן קול.

טאַקע! טאַקע! טאַקע! — ענטפֿערט מען אים אויף זיכער פֿון אַלע זײַטן.

— נו, אויב אַזוי, — שמייכלט באַנטשע, — וויל איך טאַקע אַלע טאָג אין דער פֿרי, אַ הייסע בולקע מיט פֿרישע פּוטער!

דיינים און מלאָכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פֿאַרשעמט; דער קטיגור האָט זיך צעלאַכט.

ווערטער-פאַרטייטש

ישיבה־של־מעלה — אין דער הימלישער ישיבה, ד"ה אין הימלישן געריכט.

רעש — טומל.
שימחה — פרייד.
כּיסא־הכּבוד — גאָטס שטול.
פּסק — אורטייל.
בית־דין־של־מעלה — הימלשער געריכט.
קינאה — נישט פאַרגינערישקייט.
קטיגור — באַשולדיקער, פּראָקוראָר.
זמר — אַ געזאַנג.
אוצרות — רײַכטימער, גרויסע פאַרמעגנס.
קבצן — אָרעמאַן.
מזל — גליק; גורל.
כּף־הקלע — גיהינום.
מליץ־יושר — פאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט.
משלים — פאַרגלײַכן; פאַבלען.
איובֿ — ביבלישער העלד וואָס האָט געליטן זייער אַ סך יסורים.
עת — שלעכטע פרוי.
איבֿרים — גלידער.
בגד — מלבוש, קלייד.
מטבע — געלטשטיקער געמאַכט פון קופּער, ניקעל אָדער זילבער.
בעל־צדקה — אַ מענטש וואָס העלפט אָרעמע.
העזה — מוט; חוצפּה.
בעל־טובֿה — אַ מענטש וואָס טוט גוטס אַ צווייטן.
תּלמוד־תּורה — חדרים; רעליגיעזע שולן צו לערנען מיט קינדער.
מלמדים — רעליגיעזע לערערס.
קדיש — אַ תּפילה נאָך אַ געשטאָרבענעם.
חשבון — רעכענונג.
עצות־טובֿות — גוטע עצות.
נחת — פאַרגעניגן.
בחרם — אונטער דער שטראָף פון אַ חרם; אונטער אַ שבֿועה.
נבֿלה — טויטע בהמה.
מפּלה — אומגליק; דורכפאַל.
זכיה — פּריווילעגיע.
ברית — צערעמאָניע פון מל זײַן אַ קינד.

דרשה — רעפֿעראַט.
קבֿר — אָרט אין דער ערד וווּ עס ליגט דער טויטער.
קבֿרן — באַגרעבער.
זכר — אָנדענק.
הרוגים — געהרגעטע.
ניפֿטר געוואָרן — געשטאָרבן.
שכירות — לוין, געהאַלט.
גוססן — שטאַרבן, אויסגיין.
רבותי — מיינע הערן!
אבֿ־בית־דין — פֿאָרזיצער פֿון געריכט.
יריחום מויערן — די מויערן פֿון דער שטאָט יריחו זײַנען אײַנגעפֿאַלן פֿון דער קול פֿון שופֿר, וואָס די כּוהנים האָבן געבלאָזן אין דער מלחמה אויף כּנען.
עולם־השקר — פֿאַלשע וועלט, ד"ה אונדזער וועלט וואָס איז פֿול מיט פֿאַלשקייט.
עולם־אמת — אמתע וועלט, יענע וועלט — די וועלט פֿון אמת.
מסופּק — אין צווייפֿל, אומזיכער.
דיינים — ריכטערס.
קטיגור — פּראָקוראָר, באַשולדיקער.

פיר דורות — פיר צוואות

1.

אַז

ר' אליעזר חײַקלס איז נפטר געוואָרן, האָט מען אונטערן קישן געפֿונען אַזאַ קוויטל:

„מײַן רצון איז, אַז די קינדער זאָלן בלײַבן בײַם וואָלד בשותּפות.

„נאָך מײַן פּטירה זאָלן זיי לאָזן מאַכן אַ צוים צום בית־עלמין, און פֿאַרריכטן דעם דאַך פֿון שול.

„די ספֿרים זאָל נעמען בני בנימין החתן שיחיה. די זײַנען מיט די אײדעמס האָבן געקראָגן ספֿרים צו דער חתונה.

„זוגתי שתּחיה, זאָל בלײַבן אין דער דירה באַזונדער; זאָל זי זיך צונעמען אַן אָרעמע יתומה — זי זאָל נישט זײַן אַליין. זי זאָל זיך אַליין מאַכן קידוש און הבֿדלה.

„אַ חלק זאָל זי האָבן גלײַך מיט אַלע יורשים.

„אַ חוץ דעם..."

מער האָט מען נישט געקאָנט לייענען; דאָס קוויטל איז אָפּנים פֿײַכטערהייט געלייגט געוואָרן אונטער קישן, און די אותיות האָבן זיך אָפּגעמעקט.

2.

ר' בנימין, ר' אליעזר־חײַקלס זון, האָט שוין מער געשריבן:

„היות, עס איז געקומען די צײַט, און איך וועל בקרובֿ זוכה זײַן אָפּצוגעבן דאָס פּיקדון, דעם, וואָס אַלע פּיקדונות זײַנען זײַנע.

„און אַ מענטש שרעקט זיך פֿאַר זײַן ליבן נאָמען און פֿאַר זײַן מישפּט, גאָר גיין גיי איך פֿון דער וועלט אָן אומעט, חלילה, נאָר מיט גרוים ביטחון אין אל רחום וחנון, אַז ער וועט מיט מיר טאָן לפֿנים משורת הדין, און לויט זײַן גרויס רחמנות.

„און איך ווייס, אַז דער פּיקדון איז איבער דער צײַט בײַ מיר פֿאַרפֿלעקט געוואָרן, קאַליע געוואָרן"...

מיר היפּערן איבער דעם חשבון־הנפֿש און דאָס מוסר פֿאַר די קינדער, אין לייענען ווײַטער:

„און די פּיס ווערן מיר אָפּגעקילט, און דער מוח ווערט, וואָס אַמאָל מער, מבֿולבל, און נעכטן האָט זיך מיר געטראָפֿן אַ וווּנדער־לעכע זאַך, אַז בשעתן לערנען בין איך אײַנגעדרימלט געוואָרן און עס האָט זיך מיר עפּעס געחלומט, און דאָס ספֿר איז מיר אַרויס־געפֿאַלן פֿון דער האַנט, און איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט, און האָב תּיכּף פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט פּראָסט; אַז מע רופֿט...

„און דאָס וואָס איז באמת געווען מײַנס אויף דער וועלט, דאָס לאָז איך נאָך איבער אויף אַ צײַט; דאָס וועט מיר נאָכקומען אי־בער הונדערט און צוואַנציק יאָר; מיט דעם וועל איך זוכה זײַן צו זען זיך בזיוו השכינה הקדושה — אָמן, כּן־יהי־רצון!

„אין וואָס עס וועט מיר נישט נאָכקומען, דאָס איז קיין מאָל נישט מײַנס געווען, און איין גאָט ווייסט, אַז איך לאָז עס איבער אָן אַ שום עגמת־נפֿש.

„און אויף מײַן עשירות, לאָז איך קיין צוואה נישט איבער; איך בין בטוח, אַז בני־ביתי שיחיו, אָדער זיי וועלן לעבן בשלום ובשלוה בּוזאַמען, אָדער זיי וועלן זיך צעטיילן על־פּי־דין ועל־פּי־יושר, און איינער פֿאַרן אַנדערן וועט, חס ושלום, נישט מעלים זײַן.

„און איך פֿאַרלאַנג, אַז בני ביתי, דאָס הייסט, מײַן ווײַב, מײַנע זין און איידעמס, זאָלן אויסטיילן צוויי מאָל מעשׂר. דאָס הייסט: תּיכּף נאָך מיין פּטירה זאָלן זיי מאַכן אַ ריכטיקן חשבון פֿון דעם פֿאַרמעגן און מטלטלים וכלי בית, און אַזוי כּלים, און אַלע דאָקו־מענטן, און חובות און זאָלן אַראָפּגעבן מעשׂר ראשון אויף מײַן חשבון, און צעטיילן אָרעמע לײַט.

„דערנאָך זאָלן זיי פֿון דער רעשט, דאָס הייסט — שוין פֿון דער ירושה, געבן מעשׂר־שני פֿאַר זיך; אַזוי ווי מײַן מינהג איז גע־ווען צו געבן מעשׂר פֿון ריווח; גם־כּן — פֿאַר אָרעמע לײַט.

„און צו יעדן פֿון ביידע מעשׂרות זאָלן זיי צולייגן אַ שליש למאה; טאָמער האָבן זיי זיך טועה געווען אין חשבון.

„און די ביידע מעשׂרות זאָל זיי געבן צדקה פֿאַר פּ ר ע מ ד ע אָרעמע לייט כּנ״ל און נישט פֿאַר קרובֿים.

„פֿאַר אָרעמע קרובֿים וועלן זיי אַליין וויסן וויפֿל צו געבן, אָבער נישט פֿון דער צדקה, ווייל פֿון צדקה דאַרף מען נישט נהנה זײַן, און אַז מען גיט נאָענטע קרובֿים איז גלײַך, ווי מען וואָלט געגעבן זיך.

„און אויף מײַן מצבה זאָל מען מער נישט אויסקריצן, נאָר דעם נאָמען ושם אבא ז״ל ויום הפּטירה און נישט מער.

„און איך בעט זייער מײַנע זין מיט די איידעמס, זיי זאָלן זיך נישט אין גאַנצן אַרײַנטאָן אינעם הבל, נישט וועלן זײַן דווקא גרוי־סע סוחרים. ווײַל וואָס גרעסער דער סוחר, איז קלענער דער ייִד. און זיי זאָלן נישט זוכן קיין געשעפֿט פֿון דער ווײַט, און נישט פֿאַר־

שפּרייטן דאָס ביסל געלט אויף אַרבע רוחות העולם, ווײַל ווו. גאָט יזיל, דאָרט העלפֿט ער, און די ברכה קאָן אַרײַנקומען אין קליינע ווי אין גרויסע מסחרים.

„דער עיקר באַשווער איך דעריבער מײַן טייערן זון ר׳ יחיאלן, ווײַל איך האָב געזען, אַז ער האָט גרויס תּאווה צו גבֿירישקייט וד״ל.

„און איך בעט זייער, אַז מײַנע קינדער זאָלן האַלטן דעם מינהג און אָפּטיילן יעדעם יאָר פֿאַר ראש־השנה פֿונעם גאַנצן ריווח מעשׂר פֿאַר אָרעמע לײַט. און אַז עס וועט אַ מאָל, חס־ושלום, קיין ריווח נישט זײַן, און אַז עס וועט אַ מאָל זײַן, חס־שלום, אַפּילו היזק, זאָלן זיי אויך טיילן צדקה, ווײַל עס וועט אַוודאי זײַן אַ ניסיון פֿון זײַן ליבן נאָמען.

„דער עיקר בעט איך זייער, זיי זאָלן לערנען טאָג־בײַ־טאָג, לכּל־הפּחות, אַ בלאַט גמרא, און על־כּל־פּנים איין עמוד ראשית־חכמה.

„פֿאַרן זאָלן זיי כאָטש איין מאָל אין יאָר.

די נשים זאָלן לייענען „קבֿ־הישר״ אויף עבֿרי־טײַטש אַחוץ „צאינה־וראינה״ שבת און יום־טוב.

„און אינעם טאָג פֿון דעם יאָרצײַט, זאָל מען לערנען תּורה אַ גאַנצן טאָג, די נשים זאָלן געבן צדקה; דער עיקר — מתּן־בסתר״.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

3.

אַז מאָריץ בענדיטזאָן (בנימינס אַ זון) איז געשטאָרבן, האָט מען געפֿונען אַ צעטל אויף פּויליש:

„מען זאָל שיקן אַ טעלעגראַמע קיין פּאַריז, און וואַרטן מיט דער קבֿורה, ביז דער זון וועט קומען.

„צען טויזנט גיב איך אַ פֿאָנד אין קהילה אַרײַן; דעם פּראָצענט זאָל מען צעטיילן יעדן יאָרצייט צו אָרעמע לײַט.

„צען טויזנט לאָז איך אויף אַ בעט אין נײַעם שפּיטאָל, מיט דעם תּנאַי: דאָס בעט זאָל אָנגערופֿן ווערן אויף מײַן נאָמען.

„בשעת לוויה זאָל מען טיילן צדקה.

„מען זאָל שיקן נדבֿות אין אַלע תּלמוד־תּורהס אַרײַן; די מלמדים מיט די קינדער זאָלן גיין נאָך דער לוויה.

„מען זאָל דינגען אַ דיין, אָדער אַזוי אַ למדן, ער זאָל זאָגן נאָך מיר קדיש.

„די מצבֿה, לויט דעם מאָדעל, וואָס איך לאָז איבער, זאָל מען באַשטעלן אין אויסלאַנד.

„מען זאָל איבערלאָזן אין דאָזאָר־שטוב אַ געוויסע סומע געלט, דער דאָזאָר זאָל נעמען אויף זיך אויפֿצוהאַלטן דעם קבֿר מיט דער־

מצבֿה.

„דאָס געשעפֿט זאָל הייסן: „מאַריץ בענדיטזאָן — זון".

„און וואָס עס באַטרעפֿט..."

מיר לאָזן איבער די רשימה פֿון פֿאַרמעגן און דעם חשבון פֿון די חובֿות צום אָפּנעמען, ווי אויך די עצות-טובֿות, ווי אַזוי דאָס געשעפֿט צו פֿירן.

4.

איך, מאַריץ בענדיטזאָן — זון", גיי אַוועק פֿון דער וועלט נישט פֿאַר נחת, נישט פֿאַר עגמת-נפֿש, נאָר פֿון ליידיקייט.

„אַ גרויסער חכם איז געווען אַריסטאָטל; די נאַטור האָט פֿײַנט ליידיקייט.

„אַ שרעקלעכע מאַשין איז די וועלט. יעדעס רעדל האָט זײַן באַזונדערע אַרבעט, זײַן באַזונדערן צוועק. ווערט אַ רעדל פֿאַרדאַרבן, אָדער עס האָט אָפּגעאַרבעט זײַנס פֿאַר דער צײַט, גייט עס אַליין אַרויס פֿון דער מאַשין, גייט עס אַריבער פֿון גאָר און גאָר־נישט...

„איך קאָן לענגער נישט לעבן, ווײַל איך האָב דאָ נישט וואָס צו טאָן. איך טויג צו גאָרנישט, ווײַל איך האָב מײַנס אָפּגעלעבט. איך האָב אויסגעטרונקען דעם גאַנצן נחת, וואָס מיר איז באַשערט געווען, אויפֿגעגעסן און אויסגעקושט אַלץ, וואָס איך האָב געדאַרפֿט.

„מען האָט מיך אַ סך געלערנט, נאָר לעבן און נישט אײַנשלינגען דאָס לעבן האָבן מען מיך נישט געלערנט.

„איך האָב קיין זאַך נישט אויף דער וועלט, וואָס זאָל מיך אײַנהאַלטן, צובינדן צו איר... עס האָט מיר קיין זאַך נישט געפֿעלט, עס זאָל האָבן בײַ מיר אַ ווערט, איך האָב אַלץ גענומען אָן זאָרג, אָן עגמת-נפֿש, אָן אַרבעט, — ווי פֿון אַ הפֿקר גענומען...

„אַזוי זאַכן, אַזוי מענטשן; אַזוי מענער, אַזוי פֿרויען...

„אַלע האָבן מיר צוגעשמייכלט, און איך האָב קיין איינציקן פֿרײַנד נישט געהאַט; אַלע האָבן מיך גערן געקושט, און איך האָב קיין איינציקע נישט געדאַרפֿט...

„אַ פֿאַרמעגן האָב איך גערירשנט און עס איז געוואַקסן און נעמערט זיך אָן מיר, אָן מײַן ווילן.

„עס איז געוואַקסן ביז עס איז מיך איבערגעוואַקסן.

„אָפֿט האָט געוויינט אין מיר דאָס האַרץ: זאָל מיר עפּעס פֿעלן, זאָל איך עפּעס מוזן טאָן; און די דאָקטוירים האָבן מיר פֿאַרגעשריבן שפּאַצירן, שפּילערײַען, ספּאָרט... נישט קיין לעבן, נאָר אַ סוראָגאַט פֿון לעבן, אַ געפֿעלשט לעבן, געפֿעלשטע אַרבעט...

„און לענדער אַ סך האָב איך געזען, און קיין איינציק לאַנד איז נישט מיַינס געווען; אַ סך ערטער האָב איך באַוווּנדערט און דאָך קיין איינציק אָרט נישט געליבט...

„און אַ סך שפּראַכן האָב איך געלויפיק גערעדט, נאָר איך האָב קיין איינציקע נישט געפילט — איך האָב מיט די ווערטער, ווי מיט באַלן געשפּילט.

„פּעלקער און שפּראַכן האָב איך ווי די הענטשקעס געטוישט...

„די גאַנצע וועלט איז געווען מיַינע, נאָר איך בין צו קליין געווען, איך זאָל זי צוהאַלטן; צו קורצע הענט געהאַט, איך זאָל זי אַרומנעמען; קיין וועלט באַהערשן האָב איך נישט געקאָנט...

„און וואָס איך וואָלט געקאָנט באַהערשן, דאָס האָב איך שוין גרייט געפונען, דאָס האָט מען מיר שוין איבערגעלאָזט...

„אַלע איז פאַר מיַינעט וועגן געטאָן געוואָרן, אַלץ האָט מען פאַר מיר אָפּגעקויפט; אויב עס איז נאָך עפּעס געבליבן, האָט דאָס פאַרמעגן געמאַכט.

„אַלץ — דער שמייכל אויפן פריַינדס פּנים, דער קוש פון רויטע ליפּן... דער קדיש נאָכן טאַטן... העכסטנס האָב איך נאָך עפּעס אויסגעצאָלט; נאָר געבן, שענקען, דאָס האָט מען מיך נישט געלערנט...

„און דאָס קליינע איז מיר געוואָרן צו קליין, און דאָס גרויסע — צו גרויס, און נאָך וואָס צו לעבן איז נישט געווען...

„איך שטאַרב, ווייל איך בין אַן עקר, אַזוי מיטן גוף, אַזוי מיט דער נשמה; איך האָב אין מיר גאָרנישט, וואָס זאָל לעבן און לעבעדיק מאַכן... איך לעב שוין לאַנג נישט; איך האָב שוין לאַנג קיין הנאה נישט פון לעבן; אַצינד איז עס מיר נימאס געוואָרן.

„מען האָט זיך מיט מיר אויפגעפירט ווי אַ פויער — מיט אַ חזיר; מען האָט מיך געשטאָפּט... נאָר דער פויער, אַז דער חזיר ווערט גענוג פעט, קוילעט ער אים; מיר, הייסט מען איך זאָל מיך אַליין קוילענען; און איך האָב די העזה נישט, נישט צו פאָלגן...

„דער אַרסעניק שטייט אויפן טיש; דער לעצטער געטראַנק וואָס וועט מיך אָנשיכּורן און איך וועל זיך שוין ניט אויסניכטערן...

„זאָל איך עפּעס אָנזאָגן וועגן מיַין פאַרמעגן? נאָך וואָס? עס איז מיַין אומגליק געווען...

„האָב איך נישט עמעצן צו דאַנקען?

„ניין — איך האָב אַלע פאַר אַלץ באַצאָלט...

„פאַרן לעצטן געטראַנק אויך"...

ווערטער-פּאַרטייטש

ניפֿטר ווערן — שטאַרבן.
רצון — ווילן; פֿאַרלאַנג.
בשותּפֿות — צוזאַמען אין געשעפֿט.
פּטירה — טויט.
בית־עלמין — טויטנפֿעלד; הייליק אָרט.
בני — מײַן זון.
שיחיה — זאָל לעבן.
זוגתי שתּחיה — מיין ווײַב זאָל לעבן.
קידוש — די תּפֿילה וואָס מע זאָגט שבת אָדער יום־טובֿ פֿאַרן עסן, כּדי צו הייליקן שבת אָדער יום־טובֿ.
הבֿדלה — די תּפֿילה וואָס מע זאָגט שבת בײַ נאַכט אָפּצוטיילן דעם שבת פֿון דער וואָך.

חלק — טייל.
היות — ווײַל.
בקרובֿ — אין גיכן.
זוכה זײַן — האָבן די פּריווילעגיע; דערלעבן.
פּיקדון — משכּון; עפּעס וואָס מע גיט עמעצן צו באַהאַלטן.
מישפּט — אורטייל; געריכט.
ביטחון — זיכערקייט; האָפֿענונג; גלויבן.
אל־רחום־וחנון — דערבאַרעמדיקער און גוטער גאָט.
לפֿנים־משורת־הדין — נישט לויטן שטרענגן געזעץ.
חשבון־הנפֿש — אינעווייניקסטע רעכענונג און אָפּשאַצונג פֿון די אייגענע מעשׂים.

מוסר — שטראָפֿרייד; מאָראַל.
מבֿולבל — צעמישט, צעטומלט.
בזיוו השכינה הקדושה — אין דער לויטערקייט פֿון דער הייליקער שכינה, ד״ה אויף יענער וועלט אין גן־עדן.
כּן־יהי־רצון — אַזוי זאָל זײַן גאָטס ווילן.
עגמת־נפֿש — ערגערניש, פֿאַרדרוס.
עשירות — רײַכקייט.
צוואה — טעסטאַמענט; לעצטער פֿאַרשריבענער אָנזאָג צו צעטיילן דאָס פֿאַרמעגן.

בטוח — זיכער.
בני־ביתי — מיין הויזגעזינד.
מעשׂר — אַ צענטל.
מטלטלים — באַוועגלעכע זאַכן; מעבל.
כּלי־בית — שטוביקע זאַכן.

מעשׂר־ראשון — דאָס ערשטע צענטל.
מעשׂר־שני — דאָס צווייטע צענטל.
גם־כּן — אויך.
שליש למאה — דרײַ פּראָצענט.
טועה זײַן — מאַכן אַ טעות.
כּנ"ל — איניציאַלן פֿון כּנזכּר לעיל — ווי עס איז דערמאָנט געוואָרן פֿריִער.

קרובֿים — פֿרײַנט, משפּחה־מיטגלידער.
נהנה זײַן — פֿאַרגעניגן האָבן.
מצבֿה — דענקמאָל, אַ שטיין אויף אַ קבֿר.
ושם אבֿאָ — און דעם טאַטנס נאָמען.
ויום הפּטירה — און דעם טאָג פֿון שטאַרבן.
הבֿל — נאַרישקייט; פּוסטקייט.
אַרבע רוחות העולם — פֿיר זײַטן פֿון דער וועלט, ד"ה אויף אַ סך געשעפֿטן.

מסחרים — געשעפֿטן.
תּאווה — גלוסטעניש; לײַדנשאַפֿט.
ריווח — פֿאַרדינסט.
חס־ושלום — זאָל גאָט אָפּהיטן.
היזק — שאָדן.
ניסיון — פּרווו.
לכל־הפּחות — צום ווייניקסטן.
על־כּל־פּנים — אין יעדן פֿאַל.
עמוד — אַ זײַט פֿון אַ ספֿר; דער פּלאַץ אין בית־מדרש, וווּ דער חזן שטייט און דאַוונט.

ראשית־חכמה — נאָמען פֿון אַ רעליגיעזן מוסר־ספֿר.
קבֿ־הישר — נאָמען פֿון אַ רעליגיעזן מוסר־ספֿר פֿאַר פֿרויען.
עבֿרי־טײַטש — פֿריִערדיקער נאָמען פֿון ייִדיש.
צאינה־וראינה — ווײַבערשער טײַטש־חומש.
נשים — פֿרויען, ווײַבער.
מתּן־בסתּר — געבן צדקה שטילערהייט, נישט עפֿנטלעך.
קבֿורה — באַערדיקונג.
תּנאַי — באַדינג.
לוויה — באַגלייטונג פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם צו זײַן אייביקער רו.

נדבֿה — געלט פֿאַר אָרעמעלײַט.
הפֿקר — קיינעמס ניט; פֿריי אָן אַ באַלעבאָס.
עקר — קינדערלאָז; ניט קיין שעפֿערישער מענטש.
העזה — מוט; חוצפּה.

אַ גלגול פון אַ ניגון

א

טאַלנער ניגון ווילט איר?

דאַכט זיך אין פלוג אַ קלייניקייט — נעמען אַ ניגון פון אַ טאַלנער שלוש-סעודות און נאָכזינגען! עס איז אָבער נישט אַזוי, ווי עס דאַכט זיך!

דער טאַלנער ניגון מוז געזונגען ווערן ברבֿ עם, ח ב ר ה מוז אים זינגען!

אונטערהעלפן ווילט איר? ניין, ברידער, מיט דער הילף פון פוילישע חסידים זינגט זיך נים קיין טאַלנער ניגון!

איר האָט נישט קיין השנה, קיין ידיעה אין נגינה!

איך הער דאָך אײַערע קלעזמאָרים, אײַערע חזנים! עס ברימפּלט זיך, נישט עס שפּילט, און בײַם זינגען רײַסט איר זיך ווי געקוילעטע הענער! אַפילו די סיני-נגונים קומען בײַ אײַך אַרויס משונה-ווילד... און אײַערע מאַרשן, אײַערע קאַזאַקלעך? זיי זײַנען נאָך ווילדער ווי אײַערע תּנועות און העוויות! איר זאָגט — עס איז חסידות?... בײַ אונדז זײַנען אַנדערע חסידים!...

פון וואַנען מ י ר האָבן נגינה? אפשר קומט עס שוין בירושה און אפשר ליגט עס אין דער געגנט!

אין אונדזער קיִעווער געגנט איז נישטאָ קיין שטוב אָן אַ פידעלע

אַ בעל-בתיש קינד, אָדער ווי מען זאָגט אין יענע געגנטן: אַ טאַטנס אַ קינד, מוז האָבן אַ פידעלע, מוז קאָנען שפּילן...

איר ווילט וויסן, וויפל מאַנסלייט עס געהערן צו אַ שטוב? קוקט אויף די ווענט! וויפל עס הענגען פידעלעך אַזוי פיל מאַנסלייט!

אַלע שפּילן: עס שפּילט דער זיידע, עס שפּילט דער פאָטער, עס שפּילט דער זון...

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס יעדער דור שפּילט זיך זײַנס, שפּילט אַנדערש, שפּילט באַזונדער!

דער אַלטער זיידע שפּילט סיני-ניגונים אָדער אַזוי חזנישע זאַכן: אַ „כל-נדרי", „שושנת יעקבֿ", — אַ דאגה וואָס? דער פאָטער, אַ חסידישער מענטש, צעגייט זיך אין אַ גוט-ייִדישן שטייגער! דער זון ווײַטער — שפּילט שוין פון נאָטן! מען שפּילט שוין גאָר פון

טעאַטער!

אַזוי ווי דער דור, אַזוי איז דער ניגון!

— וואָס טוען חסידים, אַז עס פֿעלט אַ ביסל בראַנפֿן? רעדט מען פֿון בראַנפֿן!... זינגען איינער אַליין, אַן חבֿרה, אַן אַ ברען פֿון עולם, קאָן מען נישט; וועלן מיר ריידן פֿון נגינה...

נגינה, מוזט איר וויסן, איז אַ גרויסע זאַך! גאַנץ טאַלנע איז געשטאַנען אויף מלוה-מלכהס, און דער עיקר מלוה-מלכה איז געווען דער ניגון!

עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס זינגט און וואָס ער זינגט...

מיט די אייגענע ציגל קען מען שטעלן אַ שול און אַ קלויסטער, להבדיל, אַ פּאַלאַץ און אַ תּפֿיסה.

מיט די אייגענע אותיות שרײַבט מען סודות-התורה און, להבדיל, דאָס גרעסטע אַפּיקורסות! און מיט די אייגענע קולות קאָן מען אַרויף צו דער העכסטער מדרגה פֿון באַגייסטערונג און דבקות, און מען קאָן אַראָפּ ביזן שאול תּחתּיה און וואַלגערן זיך דאָרט ווי אַ וואָרעם אין דער ערד!

אַ בריוול — ווי מען לייענט עס: אַ ניגון — ווי מען זינגט אים!

נעמט, למשל, אַ „פֿריילעכס"; קאָן עס זײַן אַ טאַלנער שבת-שירה-דיקע מלוה-מלכה. — אַ שמחה פֿון מצוות און מעשים טובים; און עס קאָן זײַן די פֿרייד פֿון אַן אויסגעלאַסענעם פֿויגל אין אַ הפֿקר-וועלט!

אַ ניגון ברענט — אויסגעוויקט איז ער מיט ליבשאַפֿט; נאָר ליבשאַפֿטן זײַנען פֿאַראַנען אַ סך: עס איז פֿאַראַן אהבת המקום, אהבת הבריות, אַ ליבשאַפֿט צו כּל-ישׂראל... איינער אָבער האָט נאָר ז י ך אַליין ליב, צי גאָר, רחמנא לצלן, אַן א ש ת - א י ש !

אַ ניגון קלאָגט זיך, אַ ניגון וויינט. נאָר איינער וויינט אויפֿן פֿאַרלוירענעם גן-עדן; אַ צווייטער — אויף גלות-השכינה, אויף חורבן בית-המקדש, אויף אונדזער דלות און שפֿלות!... און נאָך אַ ניגון וויינט, אַז עמיצן איז אַ יפֿה-פֿיה אַנטלאָפֿן!

עס איז פֿאַראַנען אַ ניגון פֿול מיט בענקשאַפֿט; נאָר צו וואָס בענקט ער, דער ניגון? עס בענקט אַ נשמה צוריק צו איר שורש און עס בענקט אַן אַלטער מענטש צו זײַנע יונגע יאָרן.

נעמט כאָטש דאָס לידל:

ר' דודל האָט געוווינט אין וואַסילקאָוו, — אין וואַסילקאָוו,
און הײַנט וווינט ער אין טאַלנע;
ר' דודל, ר' דודל האָט געוווינט אין וואַסילקאָוו,
הײַנט וווינט ער אין טאַלנע!...

עס זינגען עס טאַלנער, עס זינגען עס וואַסילקאָווער! נאָר אַז די

טאַלנער זינגען, איז עס אַן אמת „פריילעכס”, שפריצט עס און ברענט מיט שמחה, מיט תענוג; זינגען עס אַבער וואַסילקאָווער, איז עס אויפגעווייקט מיט צער און מרה־שחורה! און ווענדן ווענדט זיך עס אַן דער נ ש מ ה , וואָס מען גיט אַרײַן אין ניגון!...

— —

דער ניגון. מוזט איר וויסן, איז אַ סך־הכּל פון קולות, אָדער ווי יענע זאָגן — טענער.

די קולות אָדער די טענער נעמט מען פון דער נאַטור; זיי איז קיינער נישט מחדש, און אין דער נאַטור פעלט נישט קיין קולות. אַלץ האָט אַ קול, זײַן אייגענעם קלאַנג, אויב נישט גאָר אַ גאַנצן ניגון!

די גלגלים, האָבן מיר אַ קימאַ־לן, זינגען; טאָג און נאַכט — האָבן זייער זמר... מענטשן און פייגל זינגען. חיות ובהמות זאָגן שירה... אַ שטיין אין אַ שטיין קלאַפּט, מעטאַל קלינגט; וואַסער, אַז עס לויפט, שוויַיגט עס ניט; הײַנט אַ וואַלד! בײַם קלענסטן ווינטל, זינגט ער דאָך אַ „וואַלאַך”, אַן אמתן שטילן זיסן וואַלאַך! און די באַן, למשל, — מיט די רויט־פלאַמענדיקע אויגן. אַז זי לויפט, באַטויבט זי נישט מיט איר געזאַנג? אַפילו די שטומע פיש, האָב איך אין אַן אַלטן ספר געזען, גיבן אויך אַרויס פון זיך אַ קול־נגינה. טייל פיש, שטייט אין ספר, שווימען פון צײַט צו צײַט צו צום ברעג, קלאַפּן מיט די עקן אין זאַמד, אויף אַ שטיין און זײַנען זיך דערמיט מחיה!

ווייניק קולות? מע דאַרף נאָר האָבן אַן אויער עס זאָל די קולות אויפכאַפּן ווי אַ נעץ, איינזאַפּן ווי אַ שוואָם!

נאָר פון טענער אַליין איז נאָך קיין ניגון נישט!

אַ הויפן ציגל איז נאָך נישט קיין הויז!

דאָס איז ערשט דער גוף פון ניגון; ער דאַרף נאָך אַ נשמה!

און די נשמה פון אַ ניגון איז שוין אַ געפיל פון אַ מענטשן: זײַן ליבשאַפט, זײַן צאָרן, לײַטזעליקייט, נקמה, האַרצבענקעניש, חרטה, צער, — אַלץ, אַלץ וואָס אַ מענטש פילט, קאָן ער אַרײַנגעבן אין אַ ניגון און דער ניגון — לעבט!

— —

וואָרעם איך, רבותי, גלייב, אַז דאָס וואָס איז מיך מחיה, מוז אַליין האָבן אַ חיות, לעבט אַליין!

און הײַנט, אַז אַ ניגון איז מיך מחיה, אַז איך באַקום פון אַ ניגון אַן אמת חיות, אַ נייע נשמה, זאָג איך, אַז אַ ניגון לעבט...

און אַ באַוויז: נעמט אַ ניגון און צעשנײַדט אים, זינגט אים קאַפּויר, כאַפּט פריער אַרויס די מיט און דערנאָך זינגט דעם אָנהייב מיטן סוף, נו, האָט איר אַ ניגון? בסך־הכּל האָט איר אַלע קולות, עס

פֿעלט אײַך קיין אײנציקער טאָן, נאָר די נשמה איז אַרויס! איר האָט אַ לעבעדיקע ווײַסע טויב געקוילעט און אונטערן מעסער איז אַרויס די נשמה!

עס איז געוואָרן אַ מת, אַ בר־מינן פֿון אַ ניגון!
אין טאָלנע איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַ ניגון לעבט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַ ניגון לעבט, און אַ ניגון שטאַרבט; און מען פֿאַרגעסט אַ ניגון, ווי מען פֿאַרגעסט אַ טויטן!

יונג און פֿריש איז ער אַמאָל געווען, דער ניגון מיט פֿריש לעבן האָט ער געשפּריצט... מיט דער צײַט איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער האָט אָפּגעלעבט זיין צײַט און די כּוחות זײַנען אים אויסגעגאַנגען... דערנאָך איז זײַן לעצטער הויך אַרײַן אין דער לופֿט און ערגעץ פֿאַרשטיקט געוואָרן — ואיננו!...

נאָר אַ ניגון קאָן אויפֿשטיין תּחית־המתים...

פּלוצים דערמאָנט מען זיך אָן אַלטן ניגון. ער שווימט פּלוצעם אַרויס און רײַסט זיך פֿון מויל אַראָפּ... נישט פֿילנדיק, לייגט מען אין אים אַרײַן אַ נײַ געפֿיל, אַ נײַע נשמה, און כּמעט אַ נײַער ניגון לעבט...

דאָס איז שוין אַ גלגול פֿון אַ ניגון...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איר פֿאַרשטייט מיך ווייניק... רעדט מיט אַ בלינדן וועגן ליכט!

ווייסט איר וואָס? מעשׂיות האָט איר דאָך ליב, וועל איך אײַך דערציילן אַ מעשׂה וועגן אַ גלגול פֿון אַ ניגון... הערט!

דרײַ־פֿיר מײַל הינטער בערדיטשעוו, באַלד נאָכן וואַלד, איז פֿאַראַנען אַ שטעטל מאַכנאָווקע: און אין דער מאַכנאָווקע איז געווען אַ ניש־קשהדיקע קאַפּעליע קלעזמער. נאָר דער ראש־וראשון זייערער, ר׳ חיימל האָט ער געהייסן, דער איז געווען אַ בריה פֿון אַ מוזיקאַנט, — פֿדהצור בערדיטשעווערס אַ תּלמיד. דער ר׳ חיימל איז נישט געווען קיין מחדש פֿון ניגונים, דאָס הייסט: ער איז נישט געווען קיין קאָמפּאָזיטאָר; נאָר אויספֿירן אַ זאַך, פֿאַרטייטשן, ממש אַרײַנלייגן אין האַרץ — דאָס האָט ער געקאָנט: אין דעם האָט שוין זײַן גבורה געשטעקט!

אַ ייִד איז ער געווען אַ דאַרער, אַ טרוקענער, האָט ער אָבער אָנגעהויבן שפּילן איז ער פּלוצים געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש: די אייביק אַראָפּגעלאָזטע ברעמען האָבן זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן און פֿון די שטילע טיפֿע אויגן איז געפֿאַלן אַן אמתע שײַן פֿון רוחניות איבערן בלאַסן פּנים. מען האָט געזען בחוש, אַז אַצינד איז ער נישט קיין היגער, זײַנע הענט שפּילן אַליין, פֿון זיך, און די

נשמה פֿליט ערגעץ אַרום, הויך, הויך אין וועלט פֿון געזאַנג... טייל מאָל פֿלעגט ער זיך פֿאַרגעסן און אָנהייבן זינגען אויך. און אַ קול האָט ער געהאַט — אַ קלאַרנעט, אַזוי קלאָר און אַזוי ריין...

וואָלט דער חיימל נישט געווען קיין פֿרומער, פּשוטער ייד, וואָלט ער זיך נישט געקוועלט מיט אַכט קינדערלעך אין מאַכנאָווקע. ער וואָלט שוין ערגעץ געשפּילט אָדער געזונגען אין אַ טעאַטער, און אפֿשר קאָר־חזן געוואָרן אין אַ בערלין צי פּאַריז... נאָר אַזוינע לײַט גיט שוין אַרוים פֿון זיך בערדיטשעוו. חיימל זיצט זיך אין דער היים און באָרגט חדשים־לאַנג אין אַלע שפּײַז־געוועלבלעך על חשבון פֿון אַ בעל־בתישער חתונה, וואָס מוז דאָך אַ מאָל זײַן!

און דעמאָלסט האָט זיך פּונקט געמאַכט אַ גבֿירישע חתונה! און בײַם פּער פֿון מאַכנאָווקע, ביי בערל קאַצנעררס אַלמנה.

בערל קאַצנער אַליין, — איז געווען אַ גרויסער וואָכערניק, אַ קמצן — נאָך אַ גרעסערער. אין מויל אַרײַן האָט ער זיך נישט פֿאַר־גונען... ער פֿלעגט אַרומגיין און קלײַבן קרישקעלעך נאָך די קינדערס עסן.. .אָן אײַזערן האַרץ, האָט ער געהאַט, דער מענטש!

פֿאַרן טויט, כמעט אין מיטן דער גסיסה רופֿט ער צו דעם עלטסטן זון, הייסט זיך דערלאַנגען די ביכער, און ווײַזט אָן מיט אַ ברויך־בלויען פֿינגער, ווו עס איז נישט באַצאָלט קיין ראַטע! און „פֿראָ־לאָנגירן, זאָגט ער, חס־שלום! הערסט, בגזרת כּיבוד אָבֿ!"

דערנאָך האָט ער צוגערופֿן דאָס ווײַב און געהייסן באַהאַלטן דאָס קופּער, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט: „מאַך איך צו אָן אויג, — זאָגט ער, — איז אַלץ הפֿקר!" און מיט דעם איז אים די נשמה אַרוים!

איבערגעלאָזט האָט ער טאַקע אַ האַלבן מיליאָן!

ווי געזאָגט, חתונה דער טאָכטער מאַכט די אַלמנה, און זי אײַלט צו, ווײַל זי וויל זיך אַליין אויך לאָזן ריידן אַ שידוך; אַ שטיין איז איר אַראָפּ פֿון האַרצן! אויפֿגעריכט איז זי געוואָרן!...

און אַז חיימל קלעזמער דאַרף אויך חתונה מאַכן אַ טאָכטער, וואַרט ער מן־הסתם אויף דער חתונה, ווי אויף משיחן...

פֿאַלט אָבער אײַן דער אַלמנה, אַז זי וויל אַראָפּברענגען פֿדהצורן פֿון בערדיטשעוו.

באשר בכן? עס וועלן זײַן קיִעווער מחותנים, קיִעווער מבֿינים, וויל זי צום באַדעקנס אַ נײַעם אל־מלא־רחמים; עס קאָסט אַזוי־פֿיל, זאָל נאָך קאָסטן, און זאָלן די קיִעווער זען!

היימל איז שיר אויסגעגאַנגען.

אין שטאָט איז אויך געוואָרן אַ גערודער; מען האָט אים זייער ליב געהאַט, חיימלען; און עס איז גלאַט אַ רחמנות אויף אַ ייִדן אַן אביון!... מען לייגט זיך אַרײַן אויף אַ פּשרה; און סוף־כּל־סוף איז

געבליבן, אַז שפּילן זאָל טאַקע חיימל מיט דער קאַפּעליע, נאָר פּאַר דער חתונה זאָל ער זיך אַראָפּכאַפּן, אויף דער גבֿירטעס הוצאה, קיין בערדיטשעוו און ברענגען פֿון פדהצורן אַ נייעם אל־מלא־רחמים.

חיימל כאַפּט עטלעכע רובל, — דערפֿון לאָזט ער איבער אַ גרע־סערע העלפֿט דער ווייַב מיט די קינדער, — דינגט אַ פֿור און לאָזט זיך קיין בערדיטשעוו.

און דאָ הייבט זיך אָן די מעשה מיטן גלגול.

— —

ווי זאָגט מען עפּעס, אַן אָרעמאַן האָט מזל! פּאָרט חיימל פֿון איין זייַט אַרייַן קיין בערדיטשעוו, און פדהצור פּאָרט פֿון דער אַנ־דערער זייַט אַרויס פֿון בערדיטשעוו! פּונקט האָט מען אים פֿאַר־בעטן קיין טאַלנע אויף אַ מלוה־מלכּה! דער טאַלנער, מוזט איר וויסן, האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון פדהצורן. „סודות התורה" — פֿלעגט ער זאָגן, — „שטעקן אין זייַנע ניגונים! עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער אַליין ווייסט זיי נישט!"

מילא, חיימל דרייט זיך אַרום ווי אַן אָפּגעסמטער אין די גאַסן. וואָס זאָל ער טאָן? אַהיים פֿאָרן אָן אַן „אל־מלא־רחמים" טאָר ער נישט — די וועלט וועט זיך קערן! נאָכפֿאָרן קיין טאַלנע, אָדער וואַרטן, ביז פדהצור וועט צוריקקומען, קאָן ער נישט — ער האָט אויסגערעכנטע הוצאות! די גבֿירטע האָט אים וויניק וואָס געגעבן און איבערגעלאָזט דעם ווייב האָט ער אַ סך! האָט ער טאַקע גענוג צער!

פּלוצים דערזעט ער אין גאַס אַזאַ מין סצענע:

שטעלט אייַך פֿאַר, אין אַ שיינעם העלן וואָכנטאָג, גייט זיך אי־בער דער גאַס אַ ווייַבל, אָנגעטאָן בגדי שבת ויום־טובֿ אָדער ווי מע זאָגט אין יענע געגנטן, אויסגעפּוצט אין האָניק און אין עסיק... אויפֿן קאָפּ טראָגט זי אַ מאָדנעם טשיפּעק, מיט לאַנגע, לאַנגע בענדער, סטענגעס פֿון פֿאַרשיידענע לעבעדיק־שרייַענדיקע קאָלירן!

אין דער האַנט האַלט זי אַ גרויסע ווייַסע, זילבערנע טאַץ...

דעם ווייַבל גייען נאָך קלעזמער און שפּילן, און דאָס ווייַבל גייט טאַנצנדיק. טייל מאָל שטעלט זי זיך אָפּ מיט די קלעזמער פֿאַר אַ שטוב, אָדער פֿאַר אַ קלייט, און מאַכט אַ טענצל אויפֿן אָרט... די מוזיק רופֿט אַרויס מענטשן פֿון אַלע זייטן, טירן און פֿענצטער זייַ־נען אָנגעפּראָפּט — קאָפּ אויף קאָפּ...

די מוזיק שפּילט, דאָס ווייַבל טאַנצט, די קאָלירטע בענדער צעפֿליִען זיך אין דער לופֿטן, די טאַץ בלאַנקט און בליצט... דער עולם שרייַט: „מזל־טובֿ" און וואַרפֿט מטבעות; דאָס יונגע ווייַבל טאַנצט אונטער און כאַפּט זיי אַרייַן אין טאַץ, — מטבעות בליצן און קלינ־גען צו צום טאַקט.

וואָס איז עס? אַ קליינינקייט: בערדיטשעוו איז אַ ייִדישע שטאָט און האָט ייִדישע מנהגים; אַזוי איז מען זיך נוהג צוזאַמענצונעמען אויף הכנסת-כּלה!...

היימל האָט געוווּסט פֿון דעם מינהג. ער האָט געוווּסט, אַז די ווייַבער קלערן זיך אוים טענץ, און פֿדהצור אַליין מאַכט פֿאַר זיי יעדעס מאָל אַ נייַעם ניגון; דאָס איז שוין זייַן מצווה געווען! מען קומט צו אים, מען דערציילט אים פֿון דער כּלה, פֿון איר משפּחה, פֿון איר שידוך, פֿון דלות... ער הערט, שווייַגנדיק, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, טייל מאָל פֿאַרשטעלט ער זיך דאָס פּנים מיט די הענט, און אַז מען ענדיקט, עס ווערט שטיל, הייבט אָן פֿדהצור צו ברומען אַ ניגון.

דאָס אַלץ האָט חיימל געוווּסט, וואָס דען שטייט ער מיט אָפֿענע מויל און אויערן?

ער האָט נאָך אַזאַ „פֿריילעכס" נישט געהערט. עס לאַכט און וויינט צוזאַמען; עס פֿילט זיך אי צער, אי תּענוג, האַרצווייי און גליק; אַלץ אויסגעמישט, צוזאַמענגעמאַלצן... אָן אמתע יתומהס אַ חתונה! פּלוצלונג איז ער אונטערגעשפּרונגען: ער האָט וואָס ער דאַרף!

צוריקפֿאָרנדיק פֿון בערדיטשעוו, האָט דער בעל-עגלה אויפֿגע־נומען פֿאַרשווינען, חיימל האָט אים נישט געענטפֿערט. און די פֿאַרשווי־נען, און גראָד מבֿינים, האָבן דערציילט, אַז אַזוי ווי זיי זייַנען אַרייַנ־געפֿאָרן אין וואַלד, האָט חיימל אָנגעהויבן צו זינגען.

געזונגען האָט ער פֿדהצורס „פֿריילעכס"; נאָר דערפֿון איז שוין געוואָרן גאָר אָן אַנדער זאַך, דער מזל-טובֿ פֿון הכנסת-כּלה איז מגולגל געוואָרן אין אַן אמתן „אל-מלא-רחמים".

אין מיטן שטילן גערויש פֿוןביימער איז אַרויסגעשווומען אַ שטילער, זייער זיסער ניגון...

און דעם ניגון, האָט זיך געדאַכט, האַלט אונטער אַ גרויסע, נאָר אַ שטילע קאַפּעליע משוררים; דאָס האָבן גערוישט די ביימער אין וואַלד...

שטיל און האַרציק האָט זיך דער ניגון געקלאָגט; געבעטן זיך רחמים ווי אַ קראַנקער בעט אויף זייַן לעבן...

דערנאָך הייבט דער ניגון אָן צו זיפֿצן, צו בעטן זיך מיט קורצע אויסגעשרייען; מע פֿילט, אַז עמעץ קלאַפּט זיך אין האַרצן אַרייַן „על חטא", צי איז עס יום-כּיפּור, צי זאָגט עמיצער ווידוי?

נאָך העכער ווערט דאָס קול; וואָס אַמאָל אָפּגעריסענער, ווי פֿון טרערן דערשטיקט, ווי פֿון יסורים איבערגעהאַקט, — דערנאָך עטלעכע טיפֿערע זיפֿצן, אַ שאַרפֿער אויסגעשריי! איינער... אַ צוויי־

טער, און פלוצלונג רייסט זיך עס אין גאַנצן אָפּ, שטיל, — עמעץ איז געשטאָרבן...

דער ניגון וועקט זיך ווייטער אויף, און פֿאַלט שוין אַרײַן אין הייסע, ברענענדיקע געשרייען, און די געשרייען פֿליען, יאָגן און פּלאָנטערן זיך; עס ווערט אַ הימל־געשריי, אַ יאָמער — ווי ביי אַ לוויה!

און אין מיטן דער לוויה שווימט אַרויס אַ דין, ריין קינדיש קול; איז עס נאָס, ציטערדיק און דערשראָקן.

קדיש זאָגט אַ קינד!

און עס גייט איבער אין אַ שטייגער: טויזנטער געדאַנקען, וואָס גייען לאַנגזאַם איבער אין זיסע, באַרעמהאַרציק זיסע מעלאָדיעס... עס טרייסט, עס רעדט איין... און מיט אַזאַ גוטסקייט, מיט אַזאַ מסירת־נפֿש, מיט אַזאַ פֿעסטן גלויבן, אַז עס ווערט ווייטער גוט, ווייטער זיס; עס גלוסט זיך ווייטער צו לעבן. עס ווילט זיך לעבן, עס ווילט זיך האָפֿן!

אויסגעגאַנגען זיינען שיר די מענטשן.

— וואָס איז עס? — פֿרעגן זיי.

— אַן „אל־מלא־רחמים", — ענטפֿערט ר' חיים, — פֿאַר קאַצנערס יתומה אַן „אל־מלא־רחמים"!

— נישט כּדאַי אַפֿילו, — ענטפֿערן זיי, — אַן עבירה דער ניגון, גאָר די וועלט וועט איר איינגעמען, ר' חיימל. די קיעווער לייט וועלן אויסגיין...

די קיעווער לייט זיינען נישט אויסגעגאַנגען!

ביי די קאַצנערס איז שוין קיין יידיש בעל־בתּישע חתונה ניט געווען... און דער „אל־מלא־רחמים" האָט פֿאַרן עולם ניט געפּאַסט.

די קיעווער לייט ווילן בעסער טאַנצן מיט דאַמען. נאָך וואָס „שטייגער"? נאָך וואָס „מאַראַלישע" זאַכן?

און גלאַט נאָך וועמען אַן „אל־מלא־רחמים"? נאָכן אַלטן קמצן?

דער אַלטער קמצן זאָל לעבן וואָלט די כּלה העלפֿט נדן נישט געהאַט, קיין אויסשטייער אַוודאי נישט, עס וואָלט די חתונה גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט! זאָל ער היינט אויפֿשטיין און זען דאָס ווייס אַטלאַסענע קלייד מיט שפּיצן, דעם שלייער; זאָל ער זען די ווייַנען, די טאָרטן, די פֿישן און פֿליישן, אונטער וועלכע עס ברעכן זיך די טישן, — וואָלט ער דאָך נאָך אַ מאָל געשטאָרבן און — שוין נישט אַזוי לייכט ווי פֿריער!

און וואָס דאַרף מען די גאַנצע צערעמאָניע, דאָס גאַנצע באַדעקנס... אַלטע, נאַרישע מנהגים!

— געשווינדער! — שרייט דער קיעווער עולם.

דער אָרעמער חימל! ער האָט אָפגעשטעלט די קאַפּעליע, מיט הארצקלאַפּן געצויגן דעם סמיטשיק איבער די סטרונעס... דער פּראָס־טער עולם האָט שוין אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן. בײַ טייל רינען שוין טרערן, — און דאָ גיט איינער אַ קיִעווער, אַ געשריי:

— וואָס איז דאָ? אַ חתונה, צי אַ לוויה?

און אַז חימל מאַכט זיך נישט הערנדיק און שפּילט ווייטער, הייבט ער אָן, דער קיִעווער צו פֿײַפֿן...

און פֿײַפֿן פֿײַפֿט ער גראָד אויסגענומען וויל... ער האָט שוין געכאַפּט דעם ניגון און פֿײַפֿט אים נאָך פּינקטלעך! און פֿײַפֿט, וואָס אַ מאָל געשווינדער, אויסגעלאַסענער, ווילדער! און אַלץ דעם איי־גענעם ניגון!...

די קאַפּעליע בלײַבט שטיל און עס הערט זיך נאָר אַ מלחמה צווישן דעם מאָראַלישן פֿידל מיטן חוצפּהדיקן פֿײַפֿן...

און דאָס פֿײַפֿן איז גובֿר! עס יאָגט אונטער דעם סמיטשיק! דער פֿידל וויינט שוין ניט, פֿריער קרעכצט ער, דערנאָך הייבט ער אָן צו לאַכן!

און פּלוצים האָט חיים איבערגעהאַקט. מיט פֿאַרביסענע ליפּן און ווילד ברענענדיקע אויגן, שפּרינגט ער איבער אויף אַן אַנדערער סטרונע, און הייבט אָן נאָך געשווינדער צו שפּילן, איבעריאָגן וויל ער דאָס פֿײַפֿן!

ניין, עס איז שוין קיין שפּילן ניט געווען! דער פֿידל וואַרפֿט אַרויס פֿון זיך אָפּגעריסענע געשרייען, גוואַלדיקע קולות... און זיי וואַרפֿן זיך, און דרייען זיך אַרום ווי אַ ווירבל־ווינט. אַלץ אַרום, דאַכט זיך, טאַנצט: די שטוב, די קאַפּעליע, די געסט, די כּלה אויפֿן שטול, חימל אַליין מיט דעם פֿידל...

עס איז קיין פֿריילעכס, קיין „אל־מלא־רחמים", עס איז קיין שפּילן. אַ טאַנצנדיק משוגעת איז עס, רחמנא־לצלן...

און עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז די סטרונע האָט געפּלאַצט.

— בראַוואָ, חימל, בראַוואָ! — האָבן די קיִעווער געשריען...

— אין עטלעכע יאָר אַרום איז דער ניגון, מן־הסתם דורך איינעם פֿון די קיִעווער לײַט, אַרײַן אין טעאַטער!

געווען איז עס שוין אין וואַרשע...

דאָס טעאַטער איז פֿול, קאָפּ אויף קאָפּ. די מוזיק הייבט אָן שפּילן. וואָס שפּילט די מוזיק?

אַ געררויש, אַ מהומה שפּילט זי, — אַ צעטומלעניש! חימלס „אל־מלא־רחמים", נאָר אויפֿן אַרט פֿון וואָלאַך — אַ מהומה: די כּלים יאָגן זיך, טרײַבן און קנאַקן!

עס רודערט, עס קלאַפּט און עס פֿײַפֿט... נישט עס דונערט, ניט

הייזער פּאָלן, גלאַט אַ געפּילדער! אַ ציטערניש נעמט דורך דאָס טעאַטער!

פּלוצים רייסט זיך אַרײַן דעם באַס! — מכּלומרשט, אין כּעס איז ער! ער בייזערט זיך: וואָס איז דאָס? נאָר — פּאַלש! מע פּילט, אַז ער בייזערט זיך נישט ערנסט. און אַ מאָדנע פּײַפּערל שפּרינגט אונטער, עס פּליט דורך דער קאַפּעליע מיט זיגזאַגן פּון אַ בליץ און מיט אַ געלעכטער פּון אַן אמתן לץ: כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי! דער קלאַרנעט אײַלט זיך נאָך! און מעשים טוט ער, דער קלאַרנעט! להכעים טוט ער, מען פּילט בחוש דעם להכעים!

און אַצינד ערשט שווימען אַרויס דרײַ־פּיר פּידלען... און משונה־זים שפּילן זיי, די פּידלען, און עס נאַרט זיך אַרײַן, דאָס שפּילן, אין די הערצער; ער פּליסט אַרײַן ווי אַ בוימל און פּאַרשיכּורט ווי אַל־טער ווײַן!

אויפגעפּלאַמט ווערט דאָס טעאַטער: די מײַלער אָפּן, און די אויגן בליצן!

און דאָ הייבט זיך ערשט אויף דער פּאַרהאַנג און עס באַווייזן זיך אַן „ער" און אַ „זי" — אַ „בן מלך" מיט אַ „בת־מלכה", און זיי זינגען!

זיי זינגען מיט ווערטער, מיט פּלאַמענדיקע ווערטער, ווי ברע־נענדיקע שלאַנגען פּליען זיי פּון די מײַלער אַרויס! און דאָס גיהנום ברענט זיי אויף די פּנימער; ווי די טײַוולאָנים שפּרינגען זיי זיך אַנטקעגן! און דאָס האַלדזן זיך, דאָס קושן זיך, דאָס זינגען און דאָס שפּרינגען — גייט אַלץ שנעלער און שנעלער, און ווערט פּײַער־פּלאַמענדיקער מיט יעדער רגע!

און דאָס גאַנצע טעאַטער זינגט!

דאָס איז געוואָרן פּון פדהצורים „הכנסת־כּלה", דורך חיימלס „אל מלא רחמים", מיטן קיִעווערס הילף!

נאָר דאָס פּאָלן האָט קיין שיעור נישט!

חרוב געוואָרן איז דאָס יידישע טעאַטער. און טייל פּון די טעאַ־טער־ניגונים זײַנען מגולגל געוואָרן אין שאַרמאַנקעס..

אונדזער ניגון איז שוין קוים צו דערקענען!

אַן אויסגעקראַכענער דיוואַן ליגט אויסגעשפּרייט אויף אַ הויף... צוויי מענער אין לײַבקאַליר מאַכן קונצן, צוזאַמען מיט אַן אויס־געדאַרט בלאַס מיידעלע, וואָס זיי האָבן ערגעץ געגנבֿעט...

איינער כאַפּט אַ לייטער אויף אַ צאָן. פּײַל פּון בויגן לויפּט דאָס מיידעלע אַרויף ביזן העכסטן שטאַפּל און שפּרינגט פּון דאָרטן אַראָפּ, און בלײַבט שטיין אויפן צווייטנס אַקסל! דער ערשטער דער־לאַנגט איר דערווײַל אין פּלייצע; זי מאַכט עטלעכע קאָזשלקעס אין

דער לופט, און בלײַבט שטיין פאַרן עולם אין הויף מיט אַן אויסגעשפרייטער האַנט און בעטלט אַ נדבה!

עס איז אויך טעאַטער, נאָר אַ טעאַטער פאַר געמיינע לײַט! פאַר משרתים און דינסטן!

אונטערן הימל שפּילט מען. קאָסט עס ביליק, קויפט מען נישט קיין בילעטן, וואַרפט מען צווייערס און דרײַערס! און זי מאַכט עס אַזוי קונציק, דאָס דאַרע מיידעלע!

דיקע טראָפּנס שוויס רינען איר פון רויט געמאָלטן פּנים, אין די אײַנגעפאַלענע אויגן ברענט אַ צער, — נאָר דאָס זעט נישט דער עולם; זי אָטעמט שווער — דאָס הערט ער נישט! ער זעט נאָר די שיינע קונצן, ער הערט נאָר די שיינע מוזיק פון שאַרמאַנקע!

און די נשמה אין דעם דאַרן גוף פון אָרעמען, געגנבעטן קינד, און דער אָרעמער ניגון אין דער הייזעריק-בלעכערנער שאַרמאַנקע, —ביידע קרעכצן, וויינען און צאַפּלען זיך, ביידע בעטן זיך אַ תּיקון. . .

עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז פדהצורס „הכנסת כלה" זאָל אויפגעריכט ווערן! גייענדיק פון הויז צו הויז, וואַנדערנדיק פון שטאָט צו שטאָט, האָבן די קונצנמאַכער אַזוי לאַנג מיטגעשלעפּט דאָס אָרעמע קינד, ביז עס איז לא עליכם, קראַנק געוואָרן...

עס איז געווען אין ראַדזיוויל, בײַ דער גרענעץ. דאָרט האָבן זיי דאָס קראַנקע קינד איבערגעלאָזט הינטער אַ צוים און זײַנען די גרענעץ אַריבער. יאָג נאָך דעם ווינט אויפן פעלד! האַלב נאַקעט מיט ברוינע-בלויע צייכנס פון קלעפּ אויפן לייב, איז עס געלעגן אין אַ היץ!

רחמנותדיקע לײַט האָבן דאָס קינד אויפגעהויבן און געטראָגן אין הקדש אַרײַן... אויסגעהאַלטן האָט דאָס קינד אַ טיפוס און אַרויס איז עס פון שפּיטאָל אַ בלינדע אויף ביידע אויגן!

און אַצינד בעטלט דאָס אָרעמע קינד. פון הויז צו הויז גייט עס, פון טיר צו טיר און בעטלט...

און כמעט זי רעדט נישט... זי קאָן מיט ווערטער ניט בעטלען. זי שטעלט זיך ערגעץ אָפּ, און וואַרט; דערזעט מען זי נישט, הייבט זי אָן זינגען איר ניגון, מען זאָל זי דערהערן... און דער ניגון איז פון דער שאַרמאַנקע!

און וואָס זאָגט אַצינד דער ניגון?

רחמים בעט ער זיך! רחמנות פאַר אַן אומגליקלעך קינד...

„שלעכטע מענטשן האָבן מיך אַרויסגעגנבעט פון אַ גוטן טאַטן, פון אַ האַרציקער מאַמען, פון אַ וואַרעמער און זאַטער היים!"

„מען האָט מיך אַרויסגעריסן פֿון אַלעם גוטן; אויסגענוצט און אַרויסגעוואָרפֿן ווי אַ שאָלעכץ פֿון אַן אויפֿגעסענער נוס!״

„רחמנות פֿאַר אַן אָרעם, אָרעם קינד!״

און נאָך בעט זיך דער ניגון:

„עס איז קאַלט און איך גיי נאַקעט; הונגעריק בין איך אויך... און דעם קאָפּ, ווו אַנידערצוליינגן, האָב איך אויך נישט... און בלינד בין איך דערצו!״

אַזוי האָט דער ניגון געבעטן, און דאָס איז געווען זײַן ערשטע מדרגה אַרויף — מען האָט דורך אים צדקה געגעבן!

אין ראַדזיוויל איז געווען אַ ייִד אַ למדן... ער איז אַפֿילו קיין מתנגד נישט געווען, קיין חולק אוודאי נישט, נאָר ער האָט פּשוט קיין צײַט נישט געהאַט צו פֿאָרן צום רבי... ער האָט די גמרא נישט פֿאַרמאַכט!

פֿאַר ביטול־תורה האָט ער מורא געהאַט!

מען זאָל אים אין בית־המדרש נישט מבֿטל זײַן פֿון לימוד, פֿלעגט ער זיצן און לערנען אין דער חיים; דאָס ווײַב זיצט אַ גאַנצן טאָג אין קלייט, די קינדער — אין חדר.

עס פֿלעגט אים אַ מאָל דורכפֿליען אין קאָפּ אַ רעיון: אפֿשר פֿאָרן ערגעץ? דאָס האָט אים דער יצר־טובֿ, מן־הסתם, אונטערגעזאָגט. וואָס טוט דער יצר־הרע? פֿאַרשטעלט ער זיך אין יצר־טובֿ און ענטפֿערט: מהיכא־תיתי אוודאי דאַרף מען אַמאָל פֿאָרן! נאָר עס איז נאָך צײַט: מען דאַרף פֿריִער ענדיקן די מסכתא, יענע מסכתא!... און אַזוי זײַנען אַוועק חדשים און יאָרן!

פֿון הימל האָט מען אָבער, אַפּנים, געוואָלט, ער זאָל קומען צו ר׳ דודלען!

מאַכט זיך אַזאַ מעשה:

איין מאָל זיצט ער זיך, דער למדן, און לערנט, און דערהערט אַ געזאַנג פֿאַר דער טיר; בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין:

— אַז מען זיצט און מען לערנט, דאַרף מען נישט הערן, וואָס אין גאַס, וואָס פֿאַר דער טיר טוט זיך! מען דאַרף בטל ווערן אין דער תורה!

ער הערט דאָך אָבער פֿאָרט; נעמט ער און פֿאַרשטאָפּט זיך מיט די פֿינגער די אויערן. דער ניגון גנבֿעט זיך אָבער פֿאָרט אַרײַן; אונטער די פֿינגער גנבֿעט ער זיך. ווערט ער נאָך מער בייז, כאַפּט ער מיט כּעס די לאַנגע באָרד אין מויל אַרײַן און בײַסנדיק די האָר לערנט ער ווײַטער! מיט כּוח לערנט ער!

דער ניגון לאָזט נישט אָפּ. ער הערט אים וואָס אַ מאָל שאַרפֿער, אין מיטן דערפֿילט ער, אַז עס איז קול באשה — אַ מיידל זינגט!

גיט ער שוין אַ געשריי אַרויס אויף אַ קו... חצופּה! אַוועק פֿון מײַן הויז! גייט דער ניגון אַוועק... נאָר, אַ מעשה נורא — מען זינגט שוין נישט, און ער הערט ווײַטער! דער ניגון זינגט זיך אים אַליין אין אויער, אין דער נשמה! מיט כּוח קוקט ער אין ספר אַרײַן, מיט כּוח וויל ער זיך דורכנעמען מיט דער סוגיא, עס גייט נישט! דעם למדנס נשמה ווערט וואָס אַ מאָל פֿולער און פֿולער מיטן ניגון...

פֿאַרמאַכט ער די גמרא און שטעלט זיך דאַווענען מינחה.

ער קאָן אָבער נישט, נישט לערנען, נישט דאַווענען, גאָרנישט! ווי אַ זילבערן גלעקל קלינגט אין אים דער ניגון! דער מענטש האַלט עס נישט אויס! ער גייט ממש אויס פֿאַר צער! עס גייט אַוועק אַ טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער — ער פֿאַלט שיר נישט אין אַ מרה־שחורה אַרײַן... ער פֿאַסט תּעניתים — עס העלפֿט נישט! ער קאָן פֿון דעם ניגון נישט פּטור ווערן! ער וועקט אים בײַ נאַכט פֿון שלאָף!

און דאָס איז אַ מענטש וואָס האָט, זינט ער לעבט, קיין מינחה בײַם עמוד נישט געדאַוונט; כּמעט קיין קול־נגינה פֿון זיך נישט אַרויסגעגעבן! שבת פֿלעגט ער די זמירות אָפּזאָגן און אויפֿן אָרט פֿון זינגען — לערנען אַ בלאַט גמרא!

פֿאַרשטייט ער דאָך, אַז עס איז נישט פּשוט!

— מעשה שטן! — טראַכט ער, און פֿאַלט בײַ זיך אַראָפּ גאָר אין גאַנצן.

דאַכט זיך, אַז אַצינד מוז ער שוין פֿאָרן?

פֿרעגט אָבער דער יצר־הרע: — יאָ, פֿאָרן, נאָר וווּהין? צדיקים זײַנען דאָ אַ סך, — וועלכער איז דער אמתער צדיק, בײַ וועמען קאָן מען באמת אַ פּעולה האָבן? הייבט דער למדן אָן צו קלערן.

באַקומט ער נאָך אַ ווונק פֿון אויבן.

מאַכט זיך אַ מעשה און ר׳ דודל טאַלנער מוז עוקר זײַן און פֿאָרן איבער ראַדזיווויל...

די מעשה מיט דער מסירה ווייסט איר אוודאי. און זאָגן זאָג איך אײַך, אַז עס איז אַן עונש געווען! מען האָט נישט געדאַרפֿט אַרויסגנבֿענען ר׳ דודלען פֿון וואַסילקאָוו און פֿירן קיין טאַלנע; מען האָט נישט געדאַרפֿט מבֿייש זײַן קיין שטאָט! און חרובֿ ונחרבֿ איז דאָך וואַסילקאָוו, נעבעך, געוואָרן!

די גאַסטהײַזער האָט מען פֿאַרמאַכט, אַרום און אַרום די קרעטשמעס זײַנען בטל געוואָרן! עד כּיכּר לחם זײַנען זיי, לא עליכם געקומען...

נאַ דיר! מסרט מען און טאַלנע ווערט אויך חרובֿ!

ר׳ דודל האָט געהאַט אַ גאָלדענע שטול, מיט אַן אויסגעקריצטן פּסוק; דוד מלך ישראל חי וקים! מאַכן מוסרים דערפֿון אַ „פּאָליקע" און עס שלאָגט אָן אין פּעטערבורג...

מילא מיר ווייסן, אַז עס איז געווען בבחינת: מאַן מלכי? — רבנן... נאָר גיי פּאַרטײַטש עס די גענעראַלן אין פּעטערבורג!

הכּלל, ר׳ דודל מוז עוקר זײַן. האַלט ער, דורכפאַרנדיק, שבת אין ראַדזיוויל, און אונדזער ראַדזיווילער למדן גייט למזל צום שלוש-סעודות!

דער יצר-הרע גיט זיך אָבער נישט אונטער. ער קומט אַריין און זעט אַ קליין ייִדעלע, טאַקע אַ פּיצל ייִדעלע זיצט אויבן אָן בײַם טיש, מען זעט נית מער אַרויס נאָר אַ גרויס, גאָר אַ גרויס שטרײַמל מיט זילבערנע האָר, וואָס פאַלן אים אויפן פּנים! מע זיצט שווײַגנדיק. מע זאָגט קיין תּורה נישט... אַנטפּאַלט אים טאַקע, דעם למדן, דאָס האַרץ...

דאָס איז ער און גאָר? טראַכט דער למדן.

נאָר ר׳ דודל האָט אים שוין דערזען און גיט אַ זאָג: — זעץ זיך, למדן.

און באותו הרגע איז ער שוין צו זיך געקומען. ער האָט שוין געכאַפּט ר׳ דודלס אַ בליק, עס האָט אים שוין אַ ברי געטאָן בײַ דער נשמה!

איר האָט אוודאי געהערט פון טאַלנערס אויגן! אין זײַנס אַ בליק האָט געשטעקט אי שררות, אי קדושה, אי גבורה; וואָס איר ווילט האָט אין בליק געשטעקט!

און אַז ר׳ דודל זאָגט: — זעץ זיך! — מאַכט מען שוין דעם למדן אָן אָרט בײַם טיש. זעצט ער זיך און וואַרט.

און אַז ר׳ דודל זאָגט ווײַטער:

— מען איז מכבד דעם למדן מיט אַ ניגון! — אַנטפּאַלט אין אים דער מוטערס מילך: ער — און אַ ניגון!...

נאָר עמיצער דערלאַנגט אים שוין אין פּלייצע: — אַז ר׳ דודל הייסט, זינגט מען! — מילא, זינגט ער שוין!

און ער הייבט, נעבעך, אָן מיט אַ ציטער; און ער שטאַמלט קוים אַרויס אַ התחלה פון אַ ניגון. און וואָס וויל ער זינגען, דער למדן? מן-הסתּם דער יתומהס ניגון; קיין אַנדערן קאָן ער נישט! און ער ציטערט, און שטאַמלט, און זינגט. און דער ניגון ווערט שוין ווײַטער אָן אַנדערער, ער האָט שוין אַ ריח תּורה, אַ יניקה פון קדושת-שבת, מיט אַ הירהור-תּשובה פון אַ ייִד אַ למדן... און זינגענדיק דערפילט ער, דער למדן, דעם ניגון, און הייבט אָן וואָס אַ רגע בעסער און פרײַער צו זינגען...

אין מיטן הייבט אָן ר׳ דודל, ווי זײַן שטייגער פלעגט זײַן, שטילערהייט אונטערצוברומען. דער עולם דערהערט און כאַפּט אונטער. מיטן עולם צוזאַמען צעהיצט זיך דער למדן אויך, ער קריגט אַ ברען! ער איז שוין גאָר אַרויס פון די כּלים, — ער זינגט טאַקע!

און דער ניגון הייבט זיך אָן פלוצים צו גיסן ווי אַ פֿײַער־פֿלאַמענדיקער טײַך... און די פֿאַליעס שלאָגן אַלץ ברייטער און העכער, אַלץ פֿײַערדיקער און פֿלאַמענדיקער!

און עס ווערט דעם ניגון שוין ענג אין שטוב, און ער רײַסט זיך דורך די פֿענצטער אין גאַס אַרײַן! און עס גיסט זיך אין גאַס אַרײַן אַ ים פֿון קדושה, פֿון פֿײַערדיקער קדושה; און ניבהל ונישתומם רופֿט דער עולם אין גאַס:

— דער יתומהם ניגון! דער יתומהם ניגון!

דער ניגון האָט באַקומען אַ תיקון און דער למדן אויך!

פֿאַרן אוועקפֿאָרן האָט אים ר׳ דודל אוועקגענומען אין אַ זײַט און געזאָגט אַ פּאָר ווערטער:

— למדן, — האָט ער אים געזאָגט, — האָסט מבייש געווען אַ בת־ישׂראל! דו ביסט אויפֿן שורש פֿון איר ניגון קיין מבֿין נישט געווען, האָסט זי גערופֿן חצופֿה!

— גיט מיר, רבי, אַ תשובה דערויף, — בעט זיך דער למדן.

— נישט נייטיק, מאַכט דער רבי, זיכרונו לבֿרכה, — אויפֿן אָרט פֿון תשובה טו בעסער אַ מצווה!

— וואָס פֿאַר אַ מצווה, רבי?

— מאַך דאָס מיידל חתונה; הכנסת־כלה איז אַ גרויסע מצווה!

און צינד הערט די צווייטע זײַט פֿון דער מעשׂה:

אין עטלעכע יאָר שפּעטער, אַז דאָס מיידל האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט מיט אַן אַלמן אַ סופֿר, איז מען ערשט געוואָר געוואָרן, פֿון וואַנען זי קומט אַרויס!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מיידל איז דעם אַלטן קאַצנערס אַן אייניקל און די מעשׂה איז אַזוי געווען:

דער איידעם זײַנער, דער קיִעווער, איז זיך אַ מאָל געגאַנגען מיטן ווייב אין טעאַטער אַרײַן אויף אַ גאַנצן אָוונט, און טאַקע דעם אָוונט האָט מען זיי אוועקגעגנבֿעט דאָס איינציקע קינד...

נאָר אָפּגעבן זיי די טאָכטער האָט מען שוין נישט געקאָנט...

די מוטער האָט שוין לאַנג נישט געלעבט און דער פֿאָטער איז שוין לאַנג געווען אין אַמעריקע...

ווערטער־פּאַרטייטש

גילגול — דער איבערגאַנג פֿון אַ נשמה פֿון קערפּער פֿון איין באַשעפֿעניש אין אַ צווייטער.

שלוש־סעודות — דער דריטער שבתדיקער מאָלצייט, שבת פאַר נאַכט.
ברוב־עם — אין געזעלשאַפט פון אַ סך פאַרזאַמלטע מענטשן.
חבֿרה — געזעלשאַפט.
השגה — באַגריף.
תנועות — באַוועגונגען.
העוויות — גרימאַסן.
מלווה־מלכה — דער לעצטער מאָלצייַט וואָס געזעגנט דעם שבת.
סודות־התורה — געהיימענישן פון דער תורה.
אפיקורסות — אומגלויבן אין גאָט.
שאול־תחתיה — אונטערערדישער גיהינום.
שבת־שירה — דער שבת ווען מע לייענט אין דער תורה: „אז ישיר משה״.

אהבֿת־המקום — ליבשאַפט צו גאָט.
אהבֿת־הבריות — ליבשאַפט צו מענטשן.
אשת־איש — אַ חתונה־געהאַטע פרוי.
גלות־השכינה — די פאַרטריבנקייט פון דער שכינה.
דלות — אָרעמקייט.
שיפֿלות — געפאַלנקייט.
יפֿה־פֿיה — שיינהייט.
תענוג — פאַרגעניגן.
מרה־שחורה — מעלאַנכאָליע.
סך־הכּל — סומע; לעצטער רעזולטאַט.
מחדש — באַנייַט זיי; שאַפט זיי.
מחייה — לעבט אויף; דערקוויקט.
מת — טויטער.
ואיננו — און ער איז נישטאָ.
ראש־וראשון — אָנפירער.
בריה — ספעציאַליסט; פעיִקער מענטש.
מחדש — באַנייַער; שאַפער.
רוחניות — גייַסטיקייט.
בחוש — דייַטלעך, קלאָר.
קמצן — קאַרגער.
גסיסה — דאָס אויסגיין, די לעצטע מינוטן פאַרן טויט.
בגזרת כּיבוד־אָבֿ — מיטן באַפעל, אַז מע דאַרף רעספעקטירן אַ טאַטן.
באַשר בכן — ווייַל אַזוי און אַזוי.
אל־מלא־רחמים — „גאָט וואָס איז פיל מיט רחמנות״ — תפילה פאַר דער נשמה פון דעם פאַרשטאָרבענעם.

אבֿיון — אָרעמאַן.
פשרה — קאָמפּראָמיס; פרידלעכער אויסגלייַך.

סודות־התורה — די געהיימענישן פון דער תורה.
בגדי שבת ויום־טוב — שבת, יום־טובדיקע קליידער.
הכנסת־כלה — די מצווה חתונה צו מאכן א ייִדישע טאָכטער.
משוררים — זינגערס בײַ א חזן.
רחמים — רחמנות, בארעמהארציקייט.
על־חטא — „אויף דער זינד" — תפילה ווו מען איז זיך מודה אויף די זינד.
ווידוי — מודה זײַן זיך אויף די באגאנגענע זינד; א תפילה פון א גוסס ווען ער איז זיך מודה אויף זײַנע זינד.
לוויה — באגלייטן א געשטאָרבענעם צו זײַן אייביקער רו.
קדיש — תפילה נאָך א געשטאָרבענעם.
מסירת־נפש — איבערגעגעבנקייט; גרייטקייט אוועקצוגעבן דאָס לעבן פאַר אַן אידעע.
עבירה — זינד; א שאָד.
רחמנא־ליצלן — גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן.
מהומה — צעטומלעניש.
להכעיס — פונקט פאַרקערט; כּדי יענעם זאָל פאַרדריסן.
משונה — מאָדנע.
בן־מלך — פרינץ.
בת־מלכּה — פרינצעסין.
מגולגל געוואָרן — פאַרוואַנדלט געוואָרן.
לא־עליכם — ניט פאַר אײַך געדאַכט.
מתנגד — קעגנער פון דער חסידישער באַוועגונג.
ביטול־תורה — אויפהערן צו לערנען תורה; פטרן די צײַט נישט לערנענדיק קיין תורה.
מבטל זײַן — שטערן, ניט לאָזן טאָן קיין אַרבעט.
רעיון — א געדאַנק; מחשבה.
יצר־טוב — דער גוטער גײַסט, וואָס רעדט אָן צו טאָן גוטס.
יצר־הרע — דער בייזער גײַסט וואָס רעדט אָן צו טאָן שלעכטס.
מהיכא־תיתי — זאָל זײַן אַזוי; פאַר וואָס ניט?
מסכתא — א טראַקטאַט פון דער גמרא.
בטל ווערן — פאַרלוירן ווערן; נישט אַרויסזען זיך אַליין.
קול באשה — דאָס קול פון א פרוי.
חצופה — פאַרשײַטע; אומפאַרשעמטע.
מעשה נורא — שרעקלעכע געשיכטע.
סוגיא — ענין; געדאַנקען־גאַנג.
מינחה — אָוונט־תפילה.
תעניתים — טעג פון פאַסטן
מעשה־שטן — א שפּיצל פון טײַוול.

פעולה — הילף; אויפטו; רעזולטאט.
עוקר זײַן — אנטלויפן באהאלטענערהייט.
עד כּיכּר לחם — ביז א שטיקל ברויט; זייער ארעם געווארן.
בבחינת — אין דער בחינה; אין דעם אויסטײַטש; אין דער מדרגה.
מאן מלכי? - רבנן — ווער זײַנען די קיניגן? — די געלערנטע.
שׂררות — הערשאפט; אריסטאקראטישקייט.
קדושה — הייליקייט.
גבורה — העלדישקייט.
מכבד — מע גיט אים אפ דעם כּבוד.
יניקה — אפשטאם; שפייז; פרנסה; חיונה
קדושת־שבת — די הייליקייט פון שבת.
הירהור־תשובה — געדאנקען פון תשובה־טאן.
ניבהל - **ונשתומם** — שטארק איבערראשט און פארווונדערט.
מבייש זײַן — פארשעמען.
בת־ישׂראל — א יידישע טאכטער.
שורש — שטאם; ווארצל.
סופר — א שרײַבער פון ספר־תורות און מזוזות.

וואָס אַ מאָל ווייניקער

די בין, וואָס נאָגט זאַפּט פֿון גראָזן און בלומען, גיט האָניק; און איך, וואָס האָב מיך אין לעבן אַ סך אָנגעזען — בין מחויב צו דערציילן.

און איך וויל אײַך דערציילן, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט, בשעתן קנעלן...

געקומען דערצו בין איך דורך מײַן תּלמיד איציקל, וואָס האָט ליב צו האָבן מיט מיר וויכּוחים. אַז איך פֿאַרשווײַג אים, מחמת ביטול־תּורה, מיינט איציקל. אַז איך בין אים מודה! זאָל אים השם־יתברך העלפֿן...

און דער בחור איציקל האַלט שטאַרק פֿון הײַנטיקע צײַטן.

— אַ שפּאַס, — זאָגט ער, — אַ וועלט! סאַמע מאַשינען (דער פֿאָטער זײַנער האָט אַ פֿאַבריק). אַלץ גייט אויף פֿאַרע און עלעקטריע; דאָס זײַנען, — זאָגט ער, — אונדזערע משרתים: זיי מאָלן אונדז מעל, באַקן ברויט, מאַכן זייף, פֿירן איבער פֿון איין עק וועלט צו דער צווייטער, ריין קפֿיצת הדרך!...

און ער איז בטוח, אַז די בעלי־המצאות וועלן נאָך כאַפּן אַ מאָל די ווינטן און וועלן זיי אײַנשפּאַנען צום וואַרשטאַט; מען וועט נאָך צוזאַמענעמען די שטראַלן פֿון דער זון, און הייסן זיי, למשל, שטיוול פּוצן, און דער עיקר — מען וועט נאָך אַ מאָל אויף באַלאָנען פֿליען אין דער לופֿט, ווי מלאכי השרת, להבדיל...

מילא, בנוגע צו דער מלאכה ,צו די מאַשינען, איז נאָך צו דער־לײַדן... איין דור ירשנט המצאות פֿון צווייטן — ווערט, וואָס אַ מאָל מער המצאות; דאָס קינד אויפֿן פֿאָטערס אַקסל איז העכער פֿאַרן פֿאָטער...

מײַן תּלמיד איציקל זאָגט אָבער, אַז בכלל ווערט דער מענטש וואָס אַ מאָל קליגער, פֿײַנער, הן אין דעות, הן אין מידות טובות...

— וואָס אַ יאָר, — זאָגט ער, — וואַקסט מען מיט אַ קאָפּ אין דער הייך.

אפֿשר קומט עס דערפֿון, וואָס מײַן תּלמיד איציקל איז בטבֿע אַ בעל־מזג־טוב, און אַגבֿ — איז ער טאַקע צופֿרידן פֿון דער וועלט!

— דער שלום, — זאָגט ער, — פֿאַרשפּרייט זיך אין אַלע לענ־דער, מידת־הרחמים וואַקסט פֿון טאָג־צו־טאָג (מען גיט גוזמאות צדקה; דער טאַטע זײַנער, דער גביר, גיט אויך אַ סך!), און באַלד, באַלד, — זאָגט ער, — וועלן מקוים ווערן ישעיה הנביאס ווערטער, וגר זאב עם כבש, — עס וועט וווינען אַ וואָלף צוזאַמען מיט אַ שעפּעלע, און ווי ווײַטער שטייט...

און אָט אין דעם בין איך מסופק!...

איך דערמאָן מיך אין שלומה המלכס שאלה: ווער ווייסט, צי שטײַגט דער גײַסט פֿון מענטשן אַרויף?... וואָרעם ווייסן ווייס איך, אַז עס איז פֿאַראַן אומריין וואַסער, וואָס פֿליסט איז זאַמד, און, פֿליסנדיק, ווערט עס וואָס אַמאָל ריינער, ווייל עס לאָזט איבער די אומרייניקייט אין זאַמד; צום סוף קאָן מען אַפֿשר דאָס גאָר טרינ־קען; עס איז אָבער אויך פֿאַראַן אַ קוואַל וואַסער, וואָס פֿליסט פֿון אַ פֿעלדז, גאָר פֿון אַ ריין, גאָר פֿון אַ הויך אָרט, נאָר עס פֿליסט איבער אַ מושב, און וואָס ווײַטער עס גייט, אַלץ שמוציקער ווערט עס; סם ווערט עס.

צו וועלכן וואַסער זײַנען מיר גלײַך?

איך זיץ און טראַכט, און עס שטעלן זיך מיר פֿאַר די אויגן: ר׳ זישעלע, זכר־צדיק־לברכה — דער באַוווּסטער גאון־עולם, וואָס איז געזעסן אַ יאָר צוואַנציק על כסא־הרבנות אין זאַמאָשטש, און דער זון זײַנער, ר׳ יחיאל, עליו־השלום, אַ ייד אַ גביר, וואָס מען האָט מיט אים געטאָן אַ שידוך מיט אַ לובלינער גביר, און ער איז דאָרט געזעסן על התורה ועל העבודה, און וואָס זײַנע צדקות ומעשים־טובים האָבן געשמט אויף דער וועלט!

און אַ דריטער, אויך נישט מיט דער האַנט אָוועקצומאַכן, ר׳ יחיאל, עליו־השלומס, אַ זון, דעם גאון ר׳ זישעלעס אַן אייניקל, הגביר הנכבד ר׳ יוסף, איציקלס, מײַן תּלמידס פֿאָטער, וואָס וווינט דאָ אין וואַרשע, האָט אַ גרויסע פֿאַבריק און איז אַן איש מכובד אין דער גאַנצער שטאָט...

לאָמיר צוריקגיין צו ר׳ זישעלען.

עס איז באַוווּסט פֿאַר אַלעמען, אַז ר׳ זישעלע איז געווען איינער פֿון די גדולי־הדור!...

יינגלווײַז האָט ער געלערנט בײַם ליסער רב, — גאָר אַ פֿאַר־צײַטיקער גאון! דער ליסער רב האָט פֿון אים געהאַלטן עולם ומלואו; ער דערמאָנט אים אין אַ תּשובה, ווו ער שרײַבט מיט דעם לשון: „און מײַן תּלמיד מובהק זישע, האָט פֿאַר מיר געלערנט די סוגיא, און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אינעם טיפֿן וואַסער, און האָט אַרויפֿ־

געבראַכט אַ טײַערן פּערל. און בטוח בין איך, אַז ער וועט זײַן אַ גדול בישׂראל".

און אַזוי איז טאַקע געוועזן!

ר' זישעלע איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ גייענדיקע שאַנק מיט ספרים, — אַן אויסטערלישער זכרון, אַ קלאָרער שׂכל, — אַ גאון מיט אַלע מעלות.

און פֿאַר וואָס דען האָט מען אים גערופֿן: ר' זישעלע, פֿאַר וואָס נישט ר' זישע?

ערשטנס — פֿאַר גרויס ליבשאַפֿט:

ער איז אַ גרויסער ענוו געווען, אַ גרויסער מרוצה לבריות... אַ לייב אין תּורה ועבֿודה, אין קהל־זאַכן: נישט געקוקט אויף בעלי־בתּים תּקיפֿים, אויף גבֿירים גרויסע... און געשטעלט אויף זיך; בײַ אַ גרויסן שאָדן, האָט ער אַפֿילו אויף אַ קדמון אַ מחמיר נישט גע־קוקט. קוים איז נעגאַנגען אין ייִדיש געלט, פֿלעגט ער זאָגן: דער קדמון איז געווען רבֿ אין זײַן צײַט און אין זײַן שטאָט, און איך בין מרא־דאַתרא אין מײַן צײַט און אין מײַן שטאָט.

און דער אייגענער ר' זישעלע האָט געפֿירט זײַן רבנות — די קהילה מיט דײַטשן, בעלי־בתּים, אַלערליי כּיתּות חסידים און בעלי־מלאָכות, טאַקע ווי אַ גוטער פּאַסטעך פֿירט די שאָף...

פֿאַר אים האָבן אַלע מורא געהאַט, קיין הויך וואָרט נישט גע־רעדט!

ער האָט נאָר געדאַרפֿט זאָגן: איך מיין אַזוי און אַזוי...

און עס איז גענוג געווען!

וואָרעם אַז נישט, — „וועט ר' זישעלע פֿאַרדריסן!" און ר' זישעלען זאָל נישט פֿאַרדריסן, וועט דער, וואָס האַלט די פּאַכט, נישט הייבן דעם מקח פֿון פֿלייש.

ר' זישעלען זאָל נישט פֿאַרדריסן, וועט דער וואָכערניק ניט פֿאַר־קויפֿן דעם אבֿיונס משכּון... ר' זישעלען זאָל ניט פֿאַרדריסן, וועט די חבֿרה־קדישא נישט באַליידיקן די נושׂאים, און די חבֿרה־נושׂאים וועלן זיך נישט שטעלן קעגן די גבאים פֿון חבֿרה־קדישא... עס וועלן זיך אַפֿילו די חסידים קיין באַזונדערן שוחט ניט אויפֿנעמען!

און, ווען אַלע ציטערן פֿאַר ר' זישען, וואָס איז שטיל ווי אַ טויב, ציטערט ער נישט מער, נאָר פֿאַר חמץ בפּסח!

אַ גאַנץ יאָר איז כּוחא דהיתּרא עדיף... כּשר און כּשר; בײַ אַ גרויסן שאָדן — אַוודאי כּשר!

און פּסח — אַלץ טריפֿה! טריפֿה און טריפֿה! אָסור באַכילה, אָסור בהנאה, מע צעברעכט די כּלים — סכּנת נפֿשות!

און פֿאַר וואָס שרעקט ער זיך? פֿאַר דעם „משהו" שרעקט ער

זיך! אַ קלייניקייט, — זאָגט ער, — אַ משהו! און וואָס קומט? כּרת! דער עונש איז: „ונכרתה הנפש ההיא מעדת ישׂראל!"

און ער זאָגט: — בעסער אַלע מדורות פֿון גיהנום, — דאָס נעם איך אויף מיר פֿאַר אַ ייִדישן גראָשן. — איידער כּרת, אַרויס פֿון כּלל־ישׂראל!

אַ טיפֿער ענין!

דאָס איז ערשטנס...

און צווייטנס (רופֿט מען אים ר׳ זישעלע), ווײַל ער איז געווען גאָר קליין געוויקסיק.

די גרויסע נשמה האָט געשטעקט אין אַ גוף, וואָס האָט גע־קאָנט שפּאַצירן אונטערן טיש!

אַז ר׳ זישעלע זיצט אויבן אָן אויף אָן אַסיפֿה פֿון די בעלי־בתּים, זעט מען אים גישט אַרויס; כאָטש אַ ספּאָדיק האָט ער געטראָגן אַ הויכן...

אַז אַ בעל־הבית פֿאַרשפּעטיקט זיך, פֿרעגט ער: — שוין דאָ אונדזער ר׳ זישעלע? — אומקוקן זיך העלפֿט נישט.

פֿאַר דעם אָבער, אַז ער זעט, אַז עס איז שטיל, אַז דער עולם האַלט די קעפּ אין אַ זײַט און הערט זיך אײַן — ווייסט ער שוין, אַז ר׳ זישעלע איז דאָ.

שמייכלט ער, דער בעל־הבית, און טראַכט: „עס שיטן זיך שוין פּערל פֿון ר׳ זישעלעס מויל... דער עולם שווײַגט און שלינגט זײַנע ווערטער... לעבן זאָל ער ר׳ זישעלע!"

דער עיקר האָט ר׳ זישעלע זיך צוגעלאָזט צו קינדער! ער האָט זייער ליב געהאַט קינדער.

דער יונגער עולם אין בית־המדרש האָט עס געוווּסט, און קוים האָט זיך ר׳ זישעלע געוויזן אין בית־המדרש אַרײַן, פֿלעגט אים חבֿרה אַרומרינגלען פֿון אַלע זײַטן, מיט אָפֿענע גמרות, מיט אַלערליי שאלות, פֿון דער סוגיא, פֿון יענער סוגיא, פֿון אַ רמב״ם: און ער פֿלעגט שמייכלען, יעדן ענטפֿערן מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, מיט שׂמחה און ליבשאַפֿט אין די קינדערשע אויגן, וואָס ער האָט געהאַט ביז דעם טאָג פֿון זײַן פּטירה, און זײַן זיס קולכל, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ זילבערן גלעקל!

נאָר אַרויסגעזען פֿון צווישן דעם קליינעם עולם האָט מען אים נישט!

איין מאָל האָט זיך געטראָפֿן אַ מעשה: שעבערשין — דרײַ מײַל פֿון זאַמאָשטש — האָט זיך אָראָפּגעבראַכט אַ נײַעם רבֿ פֿון ערגעץ פֿון דער פֿרעמד; ער האָט ר׳ זישעלען פֿון פּנים נישט געקענט, און באַלד נאָכן ערשטן שבת, נאָך דער ערשטער דרשה, איז ער גע־קומען קיין זאַמאָשטש צו ר׳ זישעלען...

טרעפֿט ער אים נישט אין דער היים. גייט ער דערווײַל אין בית-המדרש אַרײַן; ווּ דען זאָל גיין אַ שעבערשינער רבֿ?

זעט ער אַ רעדל ייִנגלעך, און איינער אין דער מיט קלינגט מיטן קול איבערן גאַנצן בית-המדרש און ענטפֿערט אַלעמען תּוך-כּדי-דיבור, גלייך אויפֿן אָרט.

גייט ער צו; ווערט ער ניבֿהל ונישתּומם, און פֿרעגט:

— וואָס איז עס דעם ייִנגל געשען, וואָס ער איז גרוי געוואָרן ווי אַ טויב?...

מוסף ראש-השנה, פֿלעגט ר׳ זישעלע דאַווענען פֿאַרן עמוד אין שול. אין שול, פֿאַרן עמוד, איז דאָך טיפֿער, „ממעמקים קראָתיך ה׳״, זעט מען דאָך ר׳ זישעלען אַוודאי נישט אַרויס... דער עולם וויל דאָך אָבער זען, ווי זײַן קליין זים קעפּל הוידעט זיך. און דער עולם שווערט זיך נאָך, אַז אין די תּנועות פֿון זײַן קעפּל, צוזאַמען מיט זײַנע זיסע ניגונימלעך, פֿאַרטײַטשן זיי אַלע תּפֿילות... שטייען זיי טאָקע גאַנץ מוסף אויף די נעגל; אַנדערע שפּרינגען אַרויף אויף די בענק.

און אַ געלט-שונא איז ער געווען גאָר אַן אויסטערלישער...

כּמעט יעדעס יאָר קומען שלוחים פֿון די גרעסטע שטעט און בעטן זיך, ר׳ זישעלע זאָל אָננעמען דאָרט דאָס רבנות!

מען וויל ר׳ זישעלען אָפּגילטן.

ער וויל נישט הערן און געדענקען...

און ער מאַכט זיך אַ הלצהלע:

— איך האָב עמעצן, — זאָגט ער, — חס-ושלום, געהרגעט, איך זאָל דאַרפֿן זײַן נע-ונד?!

בעט זיך בײַ אים די שטאָט: רבי זישעלע קרוין, רבי לעבן, לאָזט אײַך כאָטש העכערן אויף די שׂכירות...

בייזערט ער זיך: — וואָס ווילט איר מאַכן פֿון מיר אַ פֿרעסער אויף דער עלטער? זאָט בין איך אַזוי אויך!

און וויפֿל נעמט ר׳ זישעלע שׂכירות? פּופּציק פּוילישע גילדן אַ וואָך!

און קיין רח״ש נעמט ער נישט.

ר׳ זישעלע זאָגט, אַז ער איז אַ רבֿ, נישט קיין מקבל!

פּסק-געלט גיט ער אַוועק צו די דיינים.

זײַן תּורה, — זאָגט ער, — פֿאַרקויפֿט ער נישט; אַפֿילו זײַן שׂכל-הישר בײַ אַ פּשרה האָט ער אויך נישט צו פֿאַרקויפֿן...

יום-טוב-געלט — שענקט ער אַוועק די שמשים.

דאָ זוכט ער קיין תּירוץ נישט: גלאַט — אָרעמע ייִדן!

שלח-מנות ווייטער טוישט ער... וואָס ער באַקומט פֿון רײַכע,

שיקט ער אָפּ די אביונים; פֿון די אביונים, וואָס ער באַקומט, שיקט ער אָפּ די רײַכע, און ער עסט, וואָס די רביצין באַקט...

נאָר דאָס אַלץ האָב איך אײַך דערציילט אַגבֿ-אורחא... אַז מען דערמאָנט ר׳ זישעלען, מוז מען כאָטש אַ ביסל דערציילן!

דער עיקר איז דער מינהג, וואָס ר׳ זישעלע האָט געהאַט.

עס פֿלעגט זיך אים טרעפֿן אַרויסצוגיין דער לעצטער פֿון שטוב און צו פֿאַרשליסן די טיר. זעענדיק, אַז די טיר איז אַלט, דער שלאָס — נישט יינגער, און אַז מיט אַ ליאַדע קלאַפּ צעברעכט מען ביידע, טראַכט ער, אַז עס איז אים לײַכט צו באַגנבֿענען.

און ר׳ זישעלע וויל ניט, אַ ייִד זאָל, חס-ושלום, ניכשל ווערן דורך דעם, וואָס ער פֿאַרגעסט צו פֿאַרריכטן די טיר...

וואָס טוט ר׳ זישעלע?

זאָגט ער:

— ריבונו של עולם, זײַ דו מײַן עדות, אַז איך בין מפֿקיר, אַז איך צי אַרויס פֿון מײַן רשות מײַן גאַנץ האָב און גאָב, הן זאַכן פֿון שטוב הן באַרעס געלט, וואָס איך ווייס און וואָס איך ווייס נישט.

און אַז ער איז צוריק אַהיים געקומען, האָט ער צוריק זוכה גע-ווען מן ההפֿקר!

איך האָב מאַריך געווען בײַ ר׳ זישעלען, זכרונו-לברכה, וועל איך שוין בײַ זײַן זון מיטן אייניקל מקצר זײַן...

ווי אויבן איז געשטאַנען, האָט ר׳ זישעלע געטאָן מיט ר׳ יחיאלן אַ שידוך פֿון לובלין. אַ צײַט לאַנג האָט ר׳ יחיאל געגעסן קעסט, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ בעל-הבית פֿאַר זיך. אַז עושר במזומן איז ער געווען, כּל ימיו האָט ער זיך מפֿרנס געווען פֿון פּראָצענט, און איז זיך געזעסן על התורה ועל העבודה, און האָט עוסק געווען אין מצוות ומעשים טובים.

קיין וואָכערניק, פֿאַרשטייט זיך, איז ער נישט געווען...

און איין מידה האָט ער געירשנט פֿון פֿאָטער ר׳ זישעלען — נישט מבֿייש זײַן קיין שום בן-אָדם! און — עניוות!

ר׳ יחיאל מישט זיך שטאַרק אין קהל-זאַכן, נאָר קיין התמנות נעמט ער בשום אופֿן נישט אָן; ער איז קיין דאַזאָרצע, קיין גבאי נישט, גאַרנישט!

צדקה הייסט בײַ אים נאָר מתן-בסתר...

ער גייט ווינטער גאַנץ פֿרי אין גאַס אַרײַן; זעט ער פּויערים פֿירן האָלץ, — קויפֿט ער אַ פֿורל האָלץ, — צוויי-דרײַ פֿורלעך האָלץ. און זאָגט דעם פּויער, ווי ער זאָל אָפּפֿירן... ער ווייסט שוין, ווו אַ געפֿרוירענער קבצן וווינט! ער פֿלעגט פֿאַר יעדן יום-טובֿ אָפּשיקן נדבֿות מיט דער פּאָסט — אַ ספֿרא-רבה איז ער געווען — נאָר די

אַדרעסן פֿלעגט ער שרייַבן מיט דער לינקער האַנט, מען זאָל זייַן כּתבֿ־יד ניט דערקענען, ווייַל ער פֿלעגט אַ מאָל שרייַבן צו גרויסע שׂררות וועגן ייִדישן זאַכן...

דערפֿון האָט זיך געמאַכט אַ קלאַנג, אַז די נדבֿות דורך דער פּאָסט שיקט אַ באַהאַלטענער בעל־תּשובֿה, וואָס האָט אוודאי עמעצן באַגזלט און קאָן די גזילה נישט אָפּגעבן... ערשט נאָך ר׳ יחיאלס פּטירה, איז מען געוואָר געוואָרן, ווער דער „גזלן" איז געווען...

און אויסער אין חבֿרה־פּושקעס אַרייַן, פֿלעגט ער מיד־ליד קיין נדבֿה נישט געבן... אַלץ געבאָרגט, — אַ כּשרע הלוואה הייסט עס! „ווען גאָט וועט העלפֿן, וועסטו אָפּגעבן, מיט אַ מאָל, ביסלעכווייַז; מיר אָדער פֿאַר מיר אַן אַנדערן נויטבאַדערפֿטיקן"...

און איין מאָל האָט פּאַסירט אַזאַ מעשׂה; ר׳ יחיאל קומט אַהיים פֿון גאַס און טרעפֿט עמעצן בייַ זיך אין שטוב. יענער האָט אים דערזען און איז געוואָרן ווייַס ווי קאַלך.

ר׳ יחיאל קוקט. פֿון הינטערן ייִדנס פּאָלע שטאַרצט עפּעס בולט אַרויס.

אין ייִדנס פּנים האָט ר׳ יחיאל דערקענט, אַז ער האָט פֿאַר זיך נישט קיין פּשוטן גנבֿ... ער שטויסט זיך באַלד אָן, אַז עס איז אַ בכּבֿודיקער אָרעמאַן, אַז ער איז געקומען עפּעס בעטן און, אַז ער האָט קיינעם נישט געטראָפֿן האָט ער נישט געקענט בייַשטיין דעם ניסיון, האָט אים דער יצר־הרע גובֿר געווען...

גייט ר׳ יחיאל צו אים צו גאַנץ פֿרייַנדלעך און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— איר האָט אוודאי געוואָלט לייַען אויף אַ משכּון? ווייַזט נאָר דעם משכּון...

דעם אָרעמאַן קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— וואָס איז די חרפּה? — פֿרעגט ר׳ יחיאל געלאַסן: דאָס מזל דרייט זיך ווי אַ רעדל, געלט איז קייַלעכדיק. הייַנט באָרגט איר בייַ מיר, מאָרגן איך בייַ אייַך...

און אַזוי ריידנדיק, נעמט ער בייַ אים אַרויס פֿון אונטער דער פּאָלע זייַן אייגענע פּאָר זילבערנע לייַכטער.

און ר׳ יחיאל שטעלט זיי געלאַסן אַנידער פֿאַר זיך אויפֿן טיש, גלייַך ער זעט זיי באמת דאָס ערשטע מאָל, און וויל אָפּשאַצן, וויפֿל ער מעג אויף זיי באָרגן.

דער ייִד, נעבעך, וויל דערווייַל אַנטלויפֿן, זייַנען אים אָבער די פֿיס ווי צוגעשמידט.

— הכּלל, ר׳ קרובֿ, — פֿרעגט ר׳ יחיאל, — וויפֿל ווילט איר באָרגן?

און דער ייִד קאָן, נעבעך, נישט די צונג איבערדרייען.

— איר זייט, ר׳ קרוב, אַ גרויסער בושת־פּנים... נו, וואָס קאָן מען מאַכן? וועל איך פאַר אײַך ריידן:

— עס גייט צו פּסח, — הערט, צי איך בין מיך נישט טועה, — איך בין שטאַרק מסופּק, צי איר האָט אויף מצות... נו, שאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, צי ניין!

יענער, נעבעך, שאָקלט אויף ניין.

— וואָס דען! מען דאַרף דערצו קיין נבֿיא נישט זײַן. דאָס פּנים אײַערס מסרט. נאָר — איר האָט אפשר נאָך אַ טאָכטער צו פאַרקנסן? יאָ?

— נו, שאָקלט מיטן קאָפּ — יאָ, צי ניין?

דעם אָרעמען ייִדן האָבן זיך שוין אָבער געעפֿנט די קוואַלן פֿון די אויגן; ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

— נאַרישער מענטש! — מאַכט ר׳ יחיאל. — וואָס וויינט איר? איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, דאָס מזל דרייט זיך ווי אַ רעדל!

דער ייִד קאָן זיך אָבער נישט אײַנהאַלטן; ווערט ר׳ יחיאל, מכּלומרשט, ברוגז, האָט ער פאַראיבל:

— על פּי דין, — זאָגט ער, — בין איך אײַך, ר׳ קרוב, מחויב צו העלפֿן; „עזוב תּעזוב" שטייט, פאַרפֿאַלן! אָבער ווו שטייט עס, איך בעט אײַך, אַז איך בין מחויב אויסצוהערן אײַער געוויין, האָ?

דער ייִד האַלט זיך אײַן מיט די לעצטע כּוחות, און ר׳ יחיאל זאָגט ווײַטער:

— ווייסט איר וואָס, ר׳ קרוב, איך וועל אײַך געבן לויט דעם משכּון...

— אין מײַנע אויגן איז דער משכּון אויף פּחות — ווערט ק״ן קערבלעך... וועל איך אײַך באָרגן פֿינף־און־זיבעציק, — אַכציק! צען רובל אויף יום־טובֿ, זעכציק אויף נדן פֿאַר דער טאָכטער, און נאָך צען — אַ התחלה אויף חתונה־קליידער, חתונה־הוצאות; די רעשט וועט גאָט העלפֿן.

— און אַז גאָט וועט העלפֿן, גיט ער צו, ווי זיין מינהג איז געווען, — וועט איר באַצאָלן... איך בין בטוח, איר וועט באַצאָלן!

ציגנד גייען מיר איבער צו ר׳ זישעלעס אייניקל.

איין מאָל, אַ יומא־דפּגרא איז עס געווען, האָט מיך איציקל, מײַן תּלמיד, שטאַרק געבעטן, איך זאָל מיט אים גיין באַקוקן דעם פֿאָטערס פֿאַבריק. ער וויל מיר ווײַזן די טײַערע, קונציקע מאַשינען...

איך האָב אים נישט געקאָנט אָפּזאָגן; אַ יומא־דפּגרא איז „גיי איך.

אין פֿאַבריק אַרײַן גייען מיר דורך אַ שמאָל פֿעדערהײַזל ווו צוויי מענטשן קאָנען נישט צוזאַמען דורכגיין, נאָר איינער נאָכן אַנדערן. פֿון דאָרט זײַנען מיר געקומען אויף אַ גאַנץ גרויסן הויף

אַרויס, פֿון הויף ערשט אין פֿאַבריק אַרײַן. אין פֿאַבריק איז נאָך מער רחבות ווי אויפֿן הויף.

און די פֿאַבריק איז פֿול מיט וואַרשטאַטן. און בײַ יעדן וואַרשטאַט שטייט אַן אַרבעטער. דער וואַרשטאַט וואַרפֿט זיך און דער אַרבעטער וואַרפֿט זיך מיטן וואַרשטאַט, און דער אַרבעטער מיטן וואַרשטאַט זעען אויס ווי איין גוף, וואָס וואַרפֿט זיך, שאָקלט זיך און זעצט...

און וואָס איז די נשמה פֿונם גוף? די פּאַרע! זי רודערט עס מיט אַלעמען דורך לעדערנע פּאַסן מיט וועלכע יעדער וואַרשטאַט איז אַרומגענומען...

אויסער דער פּאַרע האָט דאָ קיין גוף קיין אַנדער נשמה נישט, נישט דער וואַרשטאַט, נישט דער אַרבעטער, וואָס טוט נאָך דעם וואַרשטאַט; זיי האָבן קיין נשמה נישט, קיין רצון נישט, קיין פֿאַרלאַנג נישט...

אַזוי דאַכט זיך מיר!

און מײַן תּלמיד וויל מיר אַלץ פֿאַרטײַטשן, געבן צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך, וואָס מען אַרבעט, ווי אַזוי מען אַרבעט; נאָר, — איך הער נישט, איך שרעק מיך פֿאַר די קלאַפּנדיקע גולמס...

די אויערן ווערן מיר טויב פֿון געררויש און קלאַפּערײַ.

אַ ים קולות, אַ מבול קלעפּ... און עס קראַצט, און רײַבט, און קריצט מיט די ציין...

און אַ וווּנדערלעכע מחשבה פֿליט דורך מײַן מוח:

און ווען עס קומען אַהער, אין דעם גיהנום אַרײַן, די גרעסטע נביאים... ישעיה, ירמיה... און ווען משה רבינו אַליין, — ווען זיי עפֿענען די מײַלער, און זיי ווילן ריידן — צי וואָלטן זיי איבערגעשריגן דעם גיהנום? צי וואָלט זיי עמעצער פֿון די געפּײַניקטע נשמות געהערט?

ניין, זיכער נישט! — טראַכט איך, און לויף אַרויס, באַגאָסן מיט קאַלטן שווייס פֿאַר שרעק!

און מיר גייען ווײַטער דורכן שמאָלן פֿעדערצימער, און איך מיט יצחקן קאָנען צוזאַמען נישט דורכגיין...

— נאָך וואָס איז דאָ אַזוי ענג? — פֿרעג איך.

— דאָ רעווידירט מען די אַרבעטער, — ענטפֿערט יצחקל, — איינעם נאָכן צווייטן רעווידירט מען...

— נאָך וואָס?

— מען גנבֿעט פֿון פֿאַבריק... כּלים... סחורות...

— גנבֿים זײַנען זיי, גנבֿים?

— נישט אַלע, חס־ושלום! נאָר אויף אַ טייל פֿאַלט אַ חשד!...

— און אַז אויף אַ טייל פֿאַלט אַ חשד, רעווידירט מען אַלעמען?

— דער טאַטע זאָגט, אַז מען קאָן נישט מבייש זײַן, רעווידירט מען אפילו די מײַסטערס אַליין...

אויך „שלא לביש", נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדער נוסח.

ווערטער-פאַרטייטש

וויכּוחים — דיסקוסיעס.
ביטול־תּורה — פטרן די צײַט ניט לערנענדיק קיין תּורה.
מודה ־ זײַן — מסכּים זײַן; אָנערקענען.
השם־יתברך — זײַן נאָמען זאָל זײַן געבענטשט; גאָט.
משרתים — דינערס; באַדינערס.
קפיצת־הדרך — פאַרקירצונג פון דעם וועג.
בטוח — זיכער.
בעלי־המצאות — דערפינדער.
מלאכי־השרת — מלאָכים וואָס באַדינען גאָט.
להבדיל — צום אונטערשיידן.
בנוגע — וואָס האָט צו טאָן; וואָס איז שײַך.
המצאות — דערפינדונגען; אײַנפאַלן.
דעות — געדאַנקען; אײַנפאַלן.
מדות טובות — גוטע אויפפירונגען.
בטבע — פון נאַטור; פון כאַראַקטער.
בעל־מזג־טוב — גוטער כאַראַקטער.
מידת־הרחמים — די מאָס פון רחמנות.
גוזמאות — אַ סך; איבער געניג.
מסופּק איך בין — איך צווייפל.
מושב — שמוציק אָרט; וווינאָרט; דאָרף.
זכר צדיק לברכה — מע זאָל דערמאָנען דעם צדיק צום גוטן.
כּסא־הרבנות — אויף דעם שטול פון רבנות; ווי אַ רבֿ.
עליו־השלום — זאָל ער רוען אין פרידן.
על התּורה ועל העבודה — לערנענדיק תּורה און דינענדיק גאָט.
צדקות — ווױלטעטיקייט; געבן געלט פאַר אָרעמע.
מעשׂים־טובים — גוטע טאַטן; פײַנע האַנדלונגען.
געשמט — געהאַט אַ גוטן נאָמען.
איש־מכובד — געאַכטעטער מענטש.
גדולי־הדור — די פערזענלעכקייט פון דער עפּאָכע.
גאון — גרויסער געלערנטער; אויסערגעוויינלעך פעיִקער.
עולם ומלואו — זייער שטאַרק.
תּשובה — ענטפער; חרטה האָבן אויף שלעכטע מעשׂים.

תּלמיד מובהק — גערעכטעטער, פֿעיִקער תּלמיד.
סוגיא — ענין; געדאַנקען־גאַנג.
ענוו — באַשיידענער; ניט קיין גרויסהאַלטער.
מרוצה־לבריות — צוגעלאָזן צו מענטשן; פֿרײַנדלעכער מענטש.
תּקיפֿים — רייכע, שטאַרקע מענטשן, וואָס האַלטן שטאַרק פֿון זיך.
קדמון — פֿאַרצײַטיקער געלערנטער; פֿאַרצײַטנס.
מחמיר — שטרענגער מענטש; אַ רב וואָס טײַטשט אויס דאָס געזעץ האַרבער, שטרענגער.
מרא־דאַתרא — רבֿ פֿון שטאָט.
כּיתּות — גרופּעס; קלאַסן.
מקח — פּרײַז.
משכּון — אַ פֿאַרזיכערונג וואָס מע גיט, ווען מען לײַט געלט.
חבֿרה־קדישא — געזעלשאַפֿט צו באַערדיקן די געשטאָרבענע.
חבֿרה־נושׂאים — געזעלשאַפֿט וואָס טראָגן די מטה (בעט) פֿון געשטאָרבענעם.
כּוחא דהיתּרא עדיף — דער כּוח פֿון היתּר (מע מעג) איז בעסער; ער איז אַ מקיל; ער מאַכט אַלץ כּשר.
אסור באכילה — מע טאָר עס ניט עסן.
אסור בהנאה — מע טאָר פֿון דעם ניט געניסן.
סכּנת־נפֿשות — אַ געפֿאַר פֿאַרן לעבן.
משהו — עפּעס וואָס; אַ האָר, אַ ביסל.
כּרת — פֿאַרשניטענע יאָרן; קורצע יאָרן.
עונש — שטראָף.
ונכרתה הנפֿש ההיא מעדת ישׂראל — און די נשמה זאָל פֿאַרשניטן ווערן פֿון יִדישן פֿאָלק.
מדורות — אָפּטיילונגען.
אסיפֿה — פֿאַרזאַמלונג; זיצונג.
שאלות — פֿראַגעס; פּראָבלעמען.
פּטירה — טויט.
דרשה — רעפֿעראַט.
תּוך־כּדי־דיבור — אַזוי ווי מע רעדט; באַלד אויפֿן אָרט.
מוסף — צוגאָב־תּפֿילה פֿון שבת און יום־טובֿ.
עמוד — דער פּלאַץ אין בית־המדרש ווו דער חזן שטייט און דאַוונט.
ממעמקים קראַתיך יה! — פֿון די טיפֿענישן רוף איך צו דיר, גאָט!
תּנועות — באַוועגונגען.
הלצה — אַ שפּאַס.
חס־ושלום — זאָל גאָט אויסהיטן.
נע־ונד — פֿאַרוואָגלט; אָן אַ היים; אַ וואַנדערנדיקער מענטש.
שכּירות — לוין; געהאַלט.

רח"ש — (רבֿ, חזן, שמש) דאָס געלט, וואָס מע גיט דעם רבֿ, חזן, און שמש פֿאַר זייער אָנטייל אין דער צײַט פֿון אַ שׂימחה.
מקבל — אַ מענטש וואָס נעמט צדקה; אַן אָרעמאַן.
פּסק - געלט — דאָס געלט וואָס מע באַקומט בײַ אַ דין־תּורה, ביים אַרויסטראָגן אַן אורטייל.
פּשרה — אויסגלײַך, קאָמפּראָמיס.
תּירוץ — פֿאַרענטפֿערונג; אויסרייד
שלח־מנות — מתּנות, געשאַנקען, וואָס מע שיקט זיך אין פּורים.
אבֿיונים — אָרעמע לײַט.
אגבֿ־אורחא — פֿאַרבײַגייענדיק; ניט ספּעציעל.
מינהג — פֿירונג; שטייגער; אײַנפֿיר.
ניכשל ווערן — געשטרויכלט ווערן; דורכפֿאַלן.
מפֿקיר בין איך — איך מאַך עס הפֿקר; איך גיב אַרויס פֿון עמעצנס אייגנטום.
רשות — רעכט אויף אייגנטום.
זוכה זײַן — געניסן; אין אַנדערע פֿאַלן: דערלעבן, דערהאַרן.
הפֿקר — קיינעמס נישט.
מאַריך זײַן — לאַנג רעדן.
זכרונו־לברכה — זײַן אָנדענק זאָל זײַן געבענטשט.
מקצר זײַן — קורץ רעדן.
כּל־ימיו — אַלע זײַנע טעג; אַלע זײַנע יאָרן
מפֿרנס זײַן — זיך אויסהאַלטן; ציען די פּרנסה.
עוסק זײַן — זיך פֿאַרנעמען; זיך באַשעפֿטיקן.
מידה — אייגנשאַפֿט; זיטן.
מבייש זײַן — באַליידיקן; פֿאַרשעמען.
בן־אדם — מענטשנזון; מענטש.
עניוות — באַשיידנקייט.
קהל - זאַכן — געזעלשאַפֿטלעכע ענינים.
התמנות — אַמט.
מתּן־בסתר — צדקה געבן שטילערהייט.
ספֿרא־רבה — אַ גרויסער שרײַבער.
כּתבֿ־יד — האַנטשריפֿט.
שׂררות — פּריצים.
בעל־תּשובֿה — אַ מענטש וואָס האָט חרטה אויף זײַנע זינד און ווערט צוריק גוט.
מיד־ליד — פֿון האַנט צו האַנט; אָפֿענערהייט.
הלוואה — אַ סומע געלט וואָס מע לײַט עמעצן.
גובֿר זײַן — באַזיגן.
חרפּה — שאַנד; בזיון.

בושת־פּנים — אַ שעמעוודיקער.
מסופּק זײַן — צווייפלען אין עפּעס.
מסרט — דערציילט; זאָגט אוים; אָנריידן שלעכטס אויף עמעצן.
פּאַרקנסן — חתונה מאַכן; תנאים שרײַבן.
על־פּי־דין — לויטן געזעץ.
פּחת — ברוך, אָלטוואַרג.
נדן — געלט און מתּנות וואָס דער כלהס פֿאָטער גיט דעם חתן צו דער חתונה.
יומא־דפּגרא — אַ יום־טובֿדיקער פֿרײַער טאָג ווען מע רוט זיך אָפּ.
רצון — ווילן; פֿאַרלאַנג.
חשד — פֿאַרדאַכט.
מבייש זײַן — באַליידיקן; פֿאַרשעמען.
שלא לבייש — ניט צו פֿאַרשעמען.

צווישן צוויי בערג

פון

בריסקער רבֿ און ביאַלער רבין האָט איר אַוודאי געהערט, דאָך נישט אַלע ווייסן, אַז דער ביאַלער צדיק, ר' נוחקע, איז פריער געווען דעם בריסקער רבֿס אַ תּלמיד־מובֿהק, אַז ער האָט ביי אים געלערנט אַ שיינע פּאָר יאָר, און דערנאָך ערשט איז ער נעלם געוואָרן, אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר „גלות”, און איז נתגלה געוואָרן אין ביאַלע.

און אַוועק איז ער צוליב דעם: מען האָט געלערנט תּורה, נאָר די תּורה, האָט דער רבי געפֿילט, איז טרוקענע תּורה... מען לערנט, למשל, אַ דין פֿון שאלת־נשים, פֿון בשר־וחלב, צי דיני־ממונות... זייער וווּל! קומט ראובן ושמעון האָבן אַ דין־תּורה, קומט אַ משרתת אַ שאלה פֿרעגן, אָדער אַן אשה האָט אַ שאלה, — קריגט באותו־הרגע דאָס לערנען אַ חיות, לעבט עס אויף און עס האָט אַ ממשלה אויף דער וועלט. אָבער אַזוי, אָן זיי, פֿילט דער רבי, אַז די תּורה, דאָס הייסט: דער גוף פֿון דער תּורה, דאָס, וואָס עס ליגט פֿון אויבן אויף, איז טרוקן. נישט דאָס, האָט ער געפֿילט, איז תּורת־חיים! — תּורה דאַרף לעבן! לערנען קבלה־ספֿרים האָט מען אין בריסק נישט געטאָרט. דער בריסקער רבֿ איז געווען אַ מתנגד און בטבע אַ „נוקם ונוטר כּנחש”. האָט עמיץ אָנגערירט אַ זוהר, אַ פּרדס, פֿלעגט ער שעלטן, אין חרם אַריינלייגן! איינעם האָט מען געכאַפּט ביי אַ קבלה־ספֿר, האָט ער אים געלאָזט אָפּגאָלן די באָרד דורך ערלים! וואָס קלערט איר? דער מענטש איז אַראָפּ פֿון זינען. אין מרה־שחורה אַריינגעפֿאַלן. און, וואָס מער חידוש איז, עס האָט אים שוין קיין גוטער ייד נישט געהאָלפֿן! — איר שפּילט אייך מיטן בריסקער רבֿ! און פֿון דעסט וועגן, ווי פֿאָרט מען עס אַוועק פֿון בריסקער רבֿס ישיבֿה?!

אַ צייט לאַנג האָט ער זיך טאַקע געשלאָגן מיט דער דעה.

נאָר איין מאָל האָט מען אים געוויזן אַ חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז דער בריסקער רבֿ איז צו אים אַריינגעקומען און געזאָגט: קום, נוח, וועל איך דיך פֿירן אין גן־עדן־התּחתּון אַריין. און ער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און געפֿירט. זיי זיינען געקו־

מען אין אַ גרויסן פּאַלאַץ אַרײַן. אין פּאַלאַץ איז נישט געווען, נישט קיין טיר און נישט קיין פענצטער, אויסער די טיר, דורך וועלכער זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען. ליכטיק איז דאָך אין פּאַלאַץ געווען, ווײַל די ווענט, ווי עס האָט זיך דעם רבין געדאַכט, זײַנען געווען פון קרישטאָל און האָבן געשלאָגן פון זיך אַליין אַ ליכטיקן גלאַנץ.

און זיי גייען אַזוי, און גייען און מען זעט נישט קיין סוף.

— האַלט זיך אין מײַן זשופּיצע, — מאַכט דער בריסקער רבֿ — דאָ זײַנען פאַראַנען סאַליעס אין לשער ואין לספּר, און קוים רײַסטו זיך אָפּ פון מיר, וועסטו פאַרבלאָנדזשען אויף אייביק...

דער רבי טוט אַזוי, און זיי גייען אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און אויפן גאַנצן וועג זעט ער נישט קיין בענקל, קיין שום כּלי־בית, גאָרנישט!

— דאָ זיצט מען נישט, — פאַרטײַטשט אים דער בריסקער רבֿ, — נאָר מען גייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער! — און ער איז אים נאָכגעגאַנגען. און איין זאַל איז גרעסער און ליכטיקער געווען פון דעם צווייטן, און די ווענט האָבן געשײַנט דאָ מיט דעם, דאָ מיט אַן אַנדער קאָליר; דאָ מיט עטלעכע, דאָרט מיט אַלערליי קאָלירן... נאָר קיין מענטשן האָבן זיי נישט געטראָפן אויפן וועג...

דער רבי איז מיד געוואָרן גייענדיק. עס האָט אים באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס. קאַלט איז אים אויך געוואָרן אין אַלע איבֿרים. דערצו הייבן אים נאָך אָן די אויגן ווי צו טאָן פון שטענדיקן גלאַנץ...

און עס איז אָנגעפאַלן אויף אים אַ שטאַרקע בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט צו ייִדן, צו חבֿרים, צו כּל־ישׂראל! אַ קלייניקייט — מען זעט קיין ייִד נישט פאַר זיך!...

— בענק נישט צו קיינעם, — מאַכט דער בריסקער רבֿ, — דאָס איז אַ פּאַלאַץ נאָר פאַר מיר און פאַר דיר... דו וועסט אויך אַמאָל זײַן בריסקער רבֿ!

און דער רבי האָט זיך נאָך מער דערשראָקן און אָנגעכאַפּט זיך אין דער וואַנט, נישט אומצופאַלן. און די וואַנט האָט אים אָפּגע־בריט! נאָר נישט ווי פײַער בריט, נאָר ווי אײַז בריט!

— רבי! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — די ווענט זײַנען אײַז, נישט קרישטאָל! פּשוט אײַז!

דער בריסקער רבֿ שווייגט.

און דער רבי שרײַט ווײַטער:

— רבי, פירט מיך אַרויס פון דאַנען! איך וויל נישט זײַן אַליין מיט אײַך! איך וויל זײַן צוזאַמען מיט כּל־ישׂראל!

און קוים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, איז דער בריסקער רבֿ נעלם געוואָרן און ער איז געבליבן איינער אַליין אין פּאַלאַץ.

קיין וועג, ווו אויס און ווו אײַן, ווייסט ער נישט; פון די ווענט

שלאָגט אויף אים אַ קאַלטער פּחד; און די בענקשאַפֿט צו אַ ייִדן, צו דערזען אַ ייִדן, באַדײַ אַ שוסטער, אַ שנײַדער, איז אַלץ בײַ אים שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען...

— רבונו־של־עולם, — האָט ער זיך געבעטן, — נעם מיך אַרויס פֿון דאַנען! בעסער אין גיהנום מיט כל ישראל צוזאַמען, איידער דאָ איינער אַליין!

און באותו־הרגע, האָט זיך אים באַוויזן אַ פּראָסט ייִדל, מיט אַ רויטן בעל־עגלהשן גאַרטל אויף די לענדן און אַ לאַנגער בײַטש אין דער האַנט. דאָס ייִדל האָט אים, שווײַגנדיק, אָנגענומען בײַם אָרבל, אַרויסגעפֿירט פֿון פּאַלאַץ, און איז — פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אַזאַ חלום האָט מען אים געוויזן.

אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿאַר טאָג, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבן גרויען, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין פּראָסטער חלום געווען. ער האָט זיך געשווינד אָנגעטאָן און געוואָלט לויפֿן אין בית־המדרש אַרײַן, לאָזן זיך פּותר־חלום זײַן פֿון די לומדים, וואָס נעכטיקן אין בית־המדרש. דורכגייענדיק דעם מאַרק, האָט ער אָבער דערזען אַ שטייענדיקע בויד, אָן אײַנגעשפּאַנטע גרויסע, פֿאַרצײַטיקע בויד, און בײַ דער בויד איז געשטאַנען אַ בעל־עגלה, מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן, אַ לאַנגע בײַטש איז דער האַנט, און פּונקט אַזאַ ייִדל, ווי דער וואָס האָט אים אין חלום אַרויסגעפֿירט פֿון פּאַלאַץ.

שטויסט ער זיך אָן, אַז עס איז עפּעס אַ צייכן; גייט ער צו און פֿרעגט:

— וווּהין פֿאָרט אַ ייִד?

— נישט דײַן וועג! — ענטפֿערט דער בעל־עגלה גאָר גראָב.

— פֿאָרט? — בעט ער זיך, — אפֿשר וועל איך מיטפֿאָרן!

דער בעל־עגלה האָט זיך אַ ביסל פֿאַרטראַכט און דערנאָך געענטפֿערט:

— און צו פֿוס, — זאָגט ער, קאָן אַזאַ בחור נישט גיין? גיי דיר דײַן וועג!

— און וווּהין זאָל איך גיין?

— ווו די אויגן וועלן דיך טראָגן, — ענטפֿערט דער בעל־עגלה און דרייט זיך אָפּ, — מײַן דאגה!

דער רבי האָט פֿאַרשטאַנען, און האָט זיך געלאָזט אין גלות אַרײַן.

ווי געזאָגט, נתגלה איז ער געוואָרן עטלעכע יאָר שפּעטער, אין ביאַלע. (עד מפּי עד, ווי אַזוי עס איז געווען, דערצייל איך נישט, כאָטש עס איז מויל און אויערן אויפֿצושטעלן!) און, לערך אַ יאָר נאָך זײַן התגלות, האָט מיך אַ ביאַלער בעל־הבית, ר׳ יחיאל האָט

ער געהייסן, אראָפּגעבראַכט צו זיך פֿאַר אַ מלמד.

לכתחילה האָב איך אַפֿילו נישט געוואָלט אָננעמען דאָס מלמדות. ר׳ יחיאל, מוזט איר וויסן, איז געווען אַן עושר, אַ פּאַרצײַטיקער, אָנגעשטאָפּטער עושר. די טעכטער פֿלעגט ער געבן צו טויזנט רענד־לעך נדן און טאָן שידוכים מיט די גרעסטע רבנים, און זײַן לעצטע שנור איז געווען טאַקע דעם בריסקער רבֿס טאָכטער!

פֿאַרשטייט איר דאָך שוין אַליין, אַז אויב דער בריסקער רבֿ מיט די רעשט מחותנים זײַנען חולקים, מוז ר׳ יחיאל אויך זײַן אַ חולק... און איך בין דווקא אַ ביאַלער חסיד, נו, — ווי לאָזט מען זיך אַין אַזאַ הויז אַרײַן?

האָט עס מיך אָבער פֿאַרט געצויגן קיין ביאַלע! אַ קלייניקייט — מיטן רבין אין איין שטאָט! געקלערט אַהין, געקלערט אַהער, איך פֿאָר!

און ר׳ יחיאל אַליין האָט זיך אַרויסגעוויזן איז אַן אמת פּשוטער, כּשרער ייִד. איך בין אײַך אַפֿילו ערבֿ, אַז זײַן הארץ האָט געצויגן צו אַ רבין ווי מיט צוואַנגען. וואָרעם באמת, קיין למדן איז ער נישט געווען, אויפֿן בריסקער רבֿ פֿלעגט ער אַוודאי קוקן ווי אַ האָן אויפֿן בני אדם! ווערט ער מיך נישט צו האַלטן זיך אין ביאַלער רבין, נאָר ער אַליין איז זיך מתרחק. אַז איך דערצייל עפּעס פֿון רבין, מאַכט ער זיך גענעצן, כאַטש די אויערן, זע איך, שפּיצט ער אויף. נאָר דער זון זײַנער, דעם בריסקער רבֿס איידעם, דער קנייטשט אײַן דעם שטערן, קוקט אויף מיר מיט כּעס און ליצנות צוזאַמען, נאָר שפּאָרן שפּאָרט ער זיך נישט; ער פֿלעגט בטבֿע ווייניק ריידן.

ויהי היום, — ר׳ יחיאלס שנור, דעם בריסקער רבֿס טאָכטער, דאַרף גיין צו קינד! דאַכט זיך, מאַלע אַ ווײַבל גייט צו קינד? איז אָבער אַ מעשׂה דערבײַ! געוווּסט האָט מען, אַז דער בריסקער רבֿ, ווײַל ער האָט אַ חסיד אָפּגעגאָלט, דאָס הייסט: געהייסן אָפּגאָלן באָרד און פּאות, איז ניזק געוואָרן פֿון די צדיקי הדור. זײַנע צוויי זין זײַנען אים, לאַ־עליכם, במשך פֿון אַ פֿינף־זעקס יאָר, ניפֿטר געוואָרן, און אַלע זײַנע דרײַ טעכטער האָבן קיין בנים־זכרים נישט געהאַט. דערבײַ איז נאָך יעדע פֿון זיי געווען, רחמנא ליצלן, אַ מקשה לילד, בשעת מעשׂה געווען יעדעס מאָל מער דאָרטן ווי דאָ! אַז מען האָט אָבער מן־השמים געוואָלט, עס זאָל זײַן מחלוקת, האָבן אַלע געזען און גע־ווּוסט, אַז עס איז אַן עונש פֿון די צדיקי־הדור אויפֿן בריסקער רבֿ, נאָר ער אַליין, מיט זײַנע ליכטיקע אויגן, האָט עס נישט געזען! און אפֿשר — נישט געוואָלט זען! ער האָט ווײַטער געפֿירט זײַן התנגדות ביד־חזקה — מיט חרמות און תּקיפֿות פֿון אַנשי חיל, ווי אין יענע צײַטן...

מיר איז גיטעלע (אַזוי האָט זי, דעם בריסקער רבֿס טאָכטער,

געהייסן), באמת אַ שאַד געווען, זייער אַ שאַד געווען. ערשטנס — אַ ייִדישע נשמה; צווייטנס — אַ ייִדישע כּשרע נשמה; עס איז נאָך אַזאַ צדקת, אַזאַ כּשרע זאַך אויף דער וועלט נישט געווען...

קיין איינציקע אָרעמע כּלה האָט אָן איר הילף נישט חתונה געהאַט; אַזאַ זײַדענע בריאה! און דאָס דאַרף געשטראָפט ווערן פֿאַרן פֿאַטערס כּעס! און דעריבער, אַזוי ווי איך האָב נאָר באַמערקט, אַז די באָבע הייבט זיך אָן דרייען אין שטוב, האָב איך שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַלע כּלים, מען זאָל שיקן צום ביאַלער רבין... זאָל זײַן אַ קוויטל אָן אַ פּידיון, באַשר ער דאַרף נייטיק פּידיונות.

דער ביאַלער רבי האָט ווייניק געהאַלטן פֿון פּידיונות.

מיט וועמען אָבער רעדט מען?

איך פּרוּו מיטן בריסקער רבֿס איידעם, און, איך ווייס — אַז ממש נפֿשו קשורה בנפֿשה. וואָרעם, ווי ער האָט זיך נישט באַהאַלטן, האָט דער שלום־בית אַרויסגעשמעקט פֿון יעדן ווינקעלע, פֿון אַלע זייערע תּנועות און הוויות, — איז ער דאָך אָבער דעם בריסקער רבֿס איידעם! שפּייט ער אויס, גייט ער אַוועק און לאָזט מיך שטיין מיט אָן אָפֿן מויל.

נעם איך מיך צו ר׳ יחיאלן אַליין, ענטפֿערט ער מיר:

— עס איז דעם בריסקער רבֿס טאָכטער! איך וועל עס אים, דעם בריסקער רבֿ, נישט טאָן, אַפֿילו בײַ סכּנת־נפֿשות, חס ושלום! פּרוּו איך מיך מיט זײַן פּלוניתטע, — אַ כּשרע ייִדענע, נאָר אַ פּראָסטע, — ענטפֿערט זי מיר כּהאי־לישנא:

— זאָל מײַן מאַן הייסן, שיק איך באַלד צום רבין מײַן יום־טובדיק שטערן־טיכל מיט די אויערינגלעך; אַ מטמון מיט געלט האָט עס געקאָסט! נאָר אָן מײַן מאַן — קיין גראָשן נישט — נישט אַ פּיפּס!

— אָבער אַ קוויטל... וואָס שאַט אייך אַ קוויטל?

— אָן מײַן מאַנס וויסן, גאָרנישט! — ענטפֿערט זי, טאַקע ווי אַ כּשרע ייִדענע דאַרף ענטפֿערן, און דרייט זיך אָפּ פֿון מיר און איך זע, אַז זי וויל נאָר באַהאַלטן די טרערן. אַ מאַמע! — איר האַרץ האָט שוין געפֿילט די סכּנה...

אַז איך האָב געהערט דעם ערשטן געשריי, בין איך אַליין געלאָפֿן צום רבין.

— שמעיה, — ענטפֿערט ער מיר, — וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל מתפּלל זײַן!

— גיט מיר, רבי, — בעט איך, — פֿאַר דער יולדת, וואָס עס איז, — אַ שמירהלע, אַ מטבע, אַ קמיעלע... וואָס עס איז גיט מיר...

— עס וועט חס־ושלום ערגער מאַכן, — ענטפֿערט ער, — אָן אמונה שאַטן אַזוינע זאַכן און זי האָט דערין קיין אמונה נישט...

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? עס איז די ערשטע טעג סוכּות.

זי איז אַ מקשה לילד ,העלפֿן קאָן איך נישט, בלייַב איך שוין בעסער בייַם רבין אין שטוב. אַ בן-בית בין איך געווען, טראַכט איך מיר, איך וועל קוקן יעדע רגע מיט געבעט צום רבין, אפֿשר וועט ער זיך מרחם זייַן...

הערן הערט זיך, אַז עס איז נישט גוט. דעם דריטן טאָג שטייען שוין די ווייען... מען האָט שוין אַלץ געטאָן, וואָס מען האָט געקאָנט: די שול אייַנגעריסן, קבֿרים געמאָסטן, הונדערטער פֿונט ליכט אויס-געברענט אין שול, אין בתּי-מדרשים, הייַנט צדקה — אַ מטמון!... עס איז דען נאָכצוזערציילן? אַלע קליידער-שענק זייַנען געשטאַנען אָפֿן; אַ באַרג מיט אַלערליי מטבעות איז געלעגן אויפֿן טיש, און אָרעמע-לייט זייַנען אַרייַנגעקומען און גענומען, ווער עס וויל, וואָס ער וויל, וויפֿל ער וויל!

עס האָט מיך שטאַרק אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ.

— רבי, — זאָג איך, — עס שטייט דאָך: צדקה תּציל ממות!

און ער ענטפֿערט מיר, גאָר עפּעס אַנדערש:

— אפֿשר וועט קומען דער בריסקער רבֿ!

און אין דער מינוט קומט אַרייַן ר' יחיאל. צום רבין רעדט ער נישט, גלייַך ווי ער וואָלט אים נישט געזען, נאָר —

— שמעיה, — זאָגט ער צו מיר, און כאַפּט מיך אָן בייַם לאַץ, — הינטן שטייט אַ פֿור. גיי, זעץ זיך און פֿאָר צום בריסקער רבֿ! זאָל ער קומען...

און געפֿילט האָט ער שוין אַ פּנים, אין וואָס עס גייט. וואָרעם צוגעגעבן האָט ער:

— זאָל ער אַליין זען וואָס עס טוט זיך! זאָל ער זאָגן וואָס צו טאָן!

און אַ פּנים האָט ער געהאַט, וואָס זאָל איך אייַך זאָגן, — מתים זייַנען שענער פֿאַר אים!

מילא, פֿאָר איך! טראַכטן, טראַכט איך מיר אַז אויב דער רבי ווייסט, אַז ער וועט קומען, וועט שוין עפּעס דערפֿון אַרויס! אפֿשר נאָך אַ שלום! דאָס הייסט: נישט צווישן בריסקער רבֿ מיטן ביאַלער רבין, זיי אַליין האָבן קיין מחלוקת נישט געפֿירט, נאָר צווישן די צדדים בכלל! וואָרעם באמת אַז ער וועט קומען, וועט ער דאָך זען! אויגן האָט ער דאָך!

נאָר מן-השמים, אַ פּנים, לאָזט מען אַזאַ זאַך אַזוי געשווינד נישט צו. מן-השמים האָט מען מיט מיר מלחמה געהאַלטן. קוים בין איך אַרויסגעפֿאָרן פֿון ביאַלע, גיט זיך איבערן הימל אַ יאָג אַ כמאַרע, אָבער וואָס הייסט אַ כמאַרע! אַ שוואַרצער, שווערער וואָלקן, ממש ווי אַ סמאָלע, און אַ בלאָז האָט פּלוצים געטאָן, גלייַך עס וואָלטן רוחות געפֿלויגן און פֿון אַלע זייַטן מיט אַ מאָל. אַ פֿויער, להבֿדיל,

פֿאַרשטייט זיך אויף אַזוינע זאַכן, צלמט ער זיך און זאָגט, אַז עס וועט זײַן, חס-ושלום, אַ שווערער וועג, און ווײַזט מיר מיטן דער בײַטש אין הימל אַרײַן... תּוך-כּדי-דיבור מאַכט זיך נאָך אַ שטאַרקערער ווינט. ער צערײַסט די כמאַרע, ממש ווי מען צערײַסט אַ שטיק פּאַפּיר, און הייבט אָן צו יאָגן און צו טרײַבן איין שטיק כמאַרע אויף דער צווייטער, איינע אויף דער צווייטער, גלײַך ער וואָלט קריִעס געטריבן אויף אַ טײַך. איך האָב שוין איבערן קאָפּ צוויי שטאָק און דרײַ שטאָק כמאַרעס. לכתּחילה האָב איך אַפֿילו קיין מורא נישט געהאַט: אויסגעגעצט וועלן איז בײַ מיר קיין נײַעס נישט געווען און פֿאַר דונערן שרעק איך מיך נישט. ערשטנס, דונערט נישט סוכּות-צייט, און צווייטנס — נאָכן רבינס שופֿר-בלאָזן! מיר האָבן אַ קיימאַ-לן, אַז נאָך אַזאַ שופֿר-בלאָזן האָט אַ גאַנץ יאָר קיין דונער קיין שליטה נישט! אַז עס האָט אָבער ראַפּטאָם געגעבן אַ פּליאַסק מיר אין פּנים אַרײַן, ווי מיט אַ בײַטש... איין מאָל ,דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל... איז מיר טאַקע דער מוטערס מילך אַנטפֿאַלן! איך האָב געזען בחוש, אַז דער הימל פּאַטשט מיך, אַז מען טרייבט מיך צוריק!

און דער פּויער, להבדיל, בעט זיך אויך: לאָמיר צוריקפֿאָרן.

איך ווייס אָבער, עס איז סכּנת-נפֿשות, איך זיץ אויף דער פֿור, און, אינעם שטורעם, הער איך, ווי די יולדת קרעכצט, ווי דעם בריסקער רבֿס איידעמס פֿינגער קנאַקן; ער ברעכט זיך די הענט; אויך זע איך פֿאַר מיר ר' יחיאלס שוואַרץ פּנים מיט די אײַנגעפֿאַלענע, ברענענדיקע אויגן! פֿאָר, בעט ער מיך, פֿאָר — און מיר פֿאָרן.

און דאָ גיסט און גיסט, עס גיסט פֿון אויבן, עס שפּריצט פֿון אונטער די רעדער און פֿון אונטער די פֿערדס פֿיס. און דער וועג ווערט אין גאַנצן פֿאַרגאָסן, ממש באַדעקט מיט וואַסער. איבערן וואַסער גייט אַ שוים, די פֿור, דאַכט זיך, הייבט שוין אָן שווימען — וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? מיר האָבן נאָך דערצו געבלאָנדזשעט... נאָר אויסגעהאַלטן האָב איך!

מיטן בריסקער רבֿ בין איך געקומען אויף הושענא-רבה!

נאָר, דעם אמת צו זאָגן, אַזוי ווי דער בריסקער רבֿ האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויף דער פֿור, איז שטיל געוואָרן! די כמאַרע האָט זיך איבערגעריסן, פֿון שפּאַלט האָט זיך אַרויסגעוויזן די זון, און מיר זײַנען בשלום שיין און טרוקן אַרײַנגעפֿאָרן קיין ביאַלע. דער פּויער, להבדיל, האָט עס אַפֿילו באַמערקט און געזאָגט אויף זײַן לשון: וועלקי ראַבין, צי דוזשי ראַבין!...

נאָר דער עיקר איז געווען אונדזער אַרײַנקומען!

ווי די הײַשעריקן זײַנען צו אים צוגעפֿאַלן די ווײַבער, וואָס זײַנען אין שטוב געווען... כּמעט אויפֿן פּנים זײַנען זיי פֿאַר אים גע-

פֿאַלן און געוויינט... די יולדת פֿון דער צווייטער שטוב הערט מען נישט, אָדער איבער דעם געוויין פֿון די ווייבער, אָדער, טראַכט איך, זי האָט שוין, חס־ושלום, קיין כּוח נישט צו קרעכצן... ר׳ יחיאל האָט אונדז אפֿילו נישט געזען. ער איז געשטאַנען אַרײַנגעדריקט מיטן שטערן אין אַ שויב, דער קאָפּ האָט אים אַ פּנים געברענט...

דעם בריסקער רבֿס איידעם דרייט זיך אויך נישט איבער צו דערלאַנגען שלום. ער שטייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, און איך זע בחוש, ווי דער גוף זײַנער ציטערט און ווי דער קאָפּ קלאַפּט אָן דער וואַנט!...

איך האָב געמיינט, איך פֿאַל! אַזוי האָט מיך דער צער און די שרעק דורך און דורך גענומען. עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין אַלע איברים, איך האָב געפֿילט, אַז די נשמה ווערט אין מיר קאַלט!...

נאָר, צי האָט איר געקענט דעם בריסקער רבֿ?

דאָס איז געווען אַ מענטש — אַן אײַזן, זאָג איך אײַך!

אַ הויכער, הויכער ייִד... אַן אימה האָט ער געוואָרפֿן, ווי מלכות!

— אַ ווײַסע, לאַנגע באָרד. איין שפּיץ, געדענק איך נאָך ווי הײַנט, האָט זיך אים אַרײַנגערוקט אונטערן גאַרטל, דער צווייטער שפּיץ־באָרד ציטערט איבערן גאַרטל...

ברעמען — ווײַסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פּנים האָבן זיי אים פֿאַרשטעלט. און, אַז ער האָט זיי אויפֿגעהויבן — ריבונו־של־עולם! די נשים זײַנען ממש צוריקגעפֿאַלן, ווי פֿון אַ דונער צוריקגעוואָרפֿן, אַזוינע אויגן האָט ער געהאַט! — חלפֿים, בלאַנקע חלפֿים האָבן אין זיי געבליצט! און אַ געשריי האָט ער געטאָן ווי אַ לייב:

— אַוועק, נשים!

דערנאָך האָט ער שטילער און איידעלער געפֿרעגט:

— און וווּ איז מײַן טאָכטער?

מען האָט אים געוויזן.

ער איז אַרײַנגעגאַנגען, און איך בין געבליבן שטיין, ממש אַרויס פֿון די כּלים: אַזוינע אויגן, אַזאַ בליק, אַזאַ קול! עס איז גאָר אַן אַנדער דרך, אַן אַנדער וועלט! דעם ביאַלער רבינס אויגן לײַכטן אַזוי גוט, אַזוי שטיל, עס קומט אַרײַן אַ חיות אין האַרץ; ער וואַרפֿט אויף דיר אַ בליק, האָט ער דיך מיט גאָלד באַשיט... און זײַן קול, דאָס זיסע קול, דאָס סאַמעטענע זיסע קול — ריבונו־של־עולם, בײַם האַרץ כאַפּט עס אָן, בײַם האַרץ גלעט עס אַזוי שטיל, אַזוי מחיהדיק... נישט קיין מורא, חס־ושלום, האָט מען פֿאַר אים, נאָר די נשמה צעגייט אין ליבשאַפֿט, אין מתיקות פֿון ליבשאַפֿט. זי וויל אַרויס פֿון גוף און באַהעפֿטן זיך מיט זײַן נשמה... זי רײַסט זיך ווי, להבדיל, אַ זומער־פֿליגעלע צו אַ העלער פֿלאַם!... — און דאָ — ריבונו־של־

עולם: אימה ופּחד! אַ גאון, אַ פּאַרצײַטיקער גאון! און ער גייט אַרײַן צו אַ יולדת!

— ער וועט פֿון איר מאַכן, — שרעק איך מיך, — אַ גל של עצמות!

לויף איך צום רבין.

און דער רבי באַגעגנט מיך באַלד אין טיר מיט אַ שמייכל:

— האָסט געזען, — מאַכט ער, — כּבֿוד־התּורה? ריינעם כּבֿוד־התּורה?

איך האָב מיך באַרויִקט. אַז דער רבי שמייכלט, טראַכט איך, איז גוט!

און עס איז טאַקע גוט געווען. שמיני־עצרת איז זי איבערגעקומען. שמחת־תּורה האָט שוין דער בריסקער רבֿ געזאָגט תּורה בײַם טיש. איך האָב געוואָלט ערגעץ אַנדערש זײַן בײַם טיש, נאָר איך האָב מורא געהאַט. בפּרט, אַז מיט מיר איז געווען אַ מנין... מען וועט בענטשן נבֿרך אלוהינו...

מילא, וואָס זאָל איך דערציילן? דעם בריסקער רבֿס תּורה? אויב די תּורה איז אַ ים, איז ער געווען דער לוויתן אין ים, — מיט איין תּנועה גיט ער אַ שווים דורך צען מסכתות; מיט איין תּנועה מישט ער אוים ש"ס ופּוסקים! אַז עס הילכט און שפּריצט, זידט און קאָכט, טאַקע, ווי מען דערציילט פֿון אמתן ים... דעם קאָפּ האָט ער מיר צעשרויפֿט... דאָס האַרץ מײַנס האָט פֿאָרט נישט געהאַט קיין שמחת יום־טובֿ! און דעמאָלסט האָב איך מיך דערמאָנט אין רבינס חלום... און איך בין פֿאַרשטאַרט געוואָרן. די זון איז געלעגן אין פֿענצטער, ווײַן האָט בײַם טיש נישט געפֿעלט, דער גאַנצער עולם, זע איך, שוויצט, און מיר? מיר איז געווען קאַלט, קאַלט ווי אײַז. און דאָרטן האָב איך געוווּסט, זאָגט מען אַנדערע תּורה... דאָרטן איז ליכטיק און וואַרעם... יעדעס וואָרט איז דורכגעוועבט און דורכגעווייקט מיט אַהבה און דבֿיקות... מלאָכים, פֿילט מען, פֿליען אַרום אין שטוב; ממש מען הערט, ווי עס רוישן די גרויסע ווײַסע פֿליגל... אײַ, ריבונו־של־עולם! נאָר אַוועקגיין טאָר מען נישט!

פּלוצלונג האַקט ער איבער, דער בריסקער רבֿ, און גיט אַ פֿרעג:

— וואָס פֿאַר אַ רבין האָט איר עס דאָ?

— איינעם, אַ נוח — ענטפֿערט מען אים.

מילא, שנײַדט עס מיך בײַם האַרץ! „איינעם, אַ נוי ־ אַך. די הניפֿה, די חניפֿה!

— אַ בעל־מופֿת? — פֿרעגט ער ווײַטער.

— ווייניק. מען הערט נישט... ווײַבער אַפֿילו דערציילן, נאָר ווער הערט זיי?

— ער נעמט אַ ז ו י געלט, אָן מופֿתים...

זאָגט מען אים שוין דעם אמת, אַז געלט נעמט ער ווייניק און גיט אַ סך אַוועק.

דער בריסקער רבֿ פֿאַרקלערט זיך.

— און לערנען קען ער?

— מע זאָגט — אַ גדול!

— פֿון וואַנען איז ער, דער נוח?

קיינער ווייסט נישט, און איך מוז ענטפֿערן. מאַכט זיך שוין אַ שמועס צווישן מיר מיטן בריסקער רבֿ.

— איז ער נישט, דער נוח, אַמאָל אין בריסק געווען? — פֿרעגט ער.

— צי דער רבי, — שטאַמל איך, — איז געווען אין בריסק? דאַכט זיך — יאָ!

— אָ! — מאַכט ער, — אַ חסיד זייַנער! — און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ שפּין.

און ער האָט זיך איבערגעדרייט צום עולם:

— בייַ מיר, — זאָגט ער, — איז אַמאָל געווען אַ תּלמיד נוח... אַפילו אַ גוט קעפּל, נאָר עס האָט אים געצויגן אין יענער זייַט אַרייַן. — איך האָב אים איין מאָל געזאָגט, צוויי מאָל... איך האָב אים געוואָלט זאָגן צום דריטן מאָל, מזהיר זייַן, איז ער מיר נעלם געוואָרן... צי איז עס נישט ד ע ר ?

— ווער ווייסט?

און ער הייבט אָן אויסמאָלן:

— אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַרץ בערדל, שוואַרצע געקרייַזלטע פּאות, אַ פֿאַרטראַכטער, אַ שטיל קול און דאָס גלייַכן.

— עס קען זייַן, — זאָגט דער עולם, — אַז דאָס איז ער; קרובֿ־לאמת!

איך האָב שוין גאָט געדאַנקט, אַז מען האָט אָנגעהויבן בענטשן.

נאָר נאָך דעם בענטשן איז געשען אַזוינס, וואָס ער האָט זיך מיר גאַרנישט געקאָנט חלומען.

דער בריסקער רבֿ הייבט זיך אויף פֿון בענקל, רופֿט מיך אַוועק אין אַ זייַט און זאָגט מיר שטילערהייט:

— פֿיר מיך צו דייַן רבין און מייַן תּלמיד. נאָר, הערסט, — קיינער זאָל נישט וויסן!

מן־הסתּם פֿאָלג איך. נאָר אויפֿן וועג פֿרעג איך אים מיט שרעק:

— בריסקער רבֿ, — זאָג איך, — מיט וואָס פֿאַר אַ כּוונה גייט איר?

און ער ענטפֿערט מיר פּשוט:

— עס איז מיר אייַנגעפֿאַלן בייַם בענטשן, אַז איך בין בייַ אַהער געווען אַ דן שלא בפֿניו... זען וויל איך. איך וויל אַליין זען,

און אפשר — האָט ער שפּעטער צוגעגעבן, — וועט מיר גאָט העלפֿן, איך וועל אַרויסראַטעווען מײַנעם אַ תּלמיד.

— ווייסטו, שייגעץ, — מאַכט ער ווײַטער מיט הלצה, — אַז אויב דײַן רבי איז דער נוח, וואָס האָט בײַ מיר געלערנט, קאָן ער זײַן אַ גדול-בישׂראל, אַ בריסקער רבֿ אַ מאָל!

אַצינד האָב איך שוין זיכער געוווּסט, אַז דאָס איז ער, און דאָס האַרץ האָט ערשט אָנגעהויבן צאַפּלען...

און די צוויי בערג האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן... אַז איך בין אין דער מיט נישט געבליבן אויפֿן אָרט, איז טאַקע אַ נס מן-השמים.

דער ביאַלער רבי, זכרונו-לברכה, פֿלעגט שׂמחת-תּורה אַרויס-שיקן די חסידים שפּאַצירן אַרום דער שטאָט, און ער אַליין איז זיך געזעסן אויפֿן גאַנעקל, און געקוקט, און מקבל-נחת געווען.

עס איז נישט הײַנטיקע ביאַלע. עס איז געווען דעמאָלסט גאָר אַ קליין שטעטל. סאַמע קליינע, נידעריקע, געבויטע הײַזלעך; אוי-סער דער שול מיטן רבינס בית-המדרש. דעם רבינס גאַנעקל איז געווען אויפֿן צווייטן שטאָק און מען האָט פֿון גאַנעקל אַלץ געזען ווי אויף דער האַנט — די בערגלעך פֿון מיזרח-זייט, דעם טײַך פֿון מערב... — און דער רבי זיצט אויפֿן גאַנעקל און קוקט. דערזעט עטלעכע חסידים וואָס גייען און שווײַגן, וואַרפֿט ער זיי אַראָפּ פֿון דער הייך אַ התחלה פֿון אַ ניגון. זיי כאַפּן אונטער און גייען שוין ווײַטער זינגענדיק — און כּיתות, כּיתות גייען פֿאַרבײַ, און לאָזן זיך אַרויס פֿון שטאָט, מיט געזאַנג, מיט אמתער פֿרייד, מיט שׂמחת-תּורה... און דער רבי פֿלעגט זיך נישט רירן פֿון גאַנעקל.

דעמאָלסט אָבער האָט דער רבי, אַפּנים, דערהערט אַנדערע טריט, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און איז אַנטקעגן געגאַנגען דעם בריסקער רבֿ.

— שלום-עליכם, רבי! — מאַכט ער מיט ענוות און מיט זײַן זיס קול.

— עליכם-שלום, נוח! — האָט דער בריסקער רבֿ געענטפֿערט.

— זיצט, רבי!

דער בריסקער רבֿ זעצט זיך און דער ביאַלער רבי שטעלט זיך פֿאַר אים.

— זאָג נאָר, נוח! — מאַכט דער בריסקער רבֿ מיט אויפֿגעהוי-בענע ברעמען, — וואָס ביסטו עס אַנטלאָפֿן פֿון מײַן ישיבֿה? וואָס האָט דיר דאָרטן געפֿעלט?

— עס האָט מיר, רבי, — ענטפֿערט ער געלאַסן, — אָטעם פֿאַר-פֿעלט... איך האָב נישט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן...

— ווי הייסט? וואָס רעדסטו, נוח?

— נישט מיר, — פֿאַרטײַטשט דער רבי מיט אַ שטילן קול, — נאָר מײַן נשמה האָט אָטעם פֿאַרפֿעלט...

— פֿאַר וואָס, נוח?

— אײַער תּורה, רבי, איז סאַמע דין! אָן רחמים איז זי! אָן אַ פֿונק חסד איז אײַער תּורה! און דעריבער איז זי אָן שׂמחה, אָן פֿרײַען אָטעם... סאַמע ברזל ונחושת, אײַזערנע חוקים, קופּערנע דינים... און סאַמע הויכע תּורה, פֿאַר לומדים, פֿאַר יחידי-סגולה!...

דער בריסקער רבֿ שווײַגט און דער רבי זאָגט ווײַטער:

— און, זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איר פֿאַרן כּלל-ישׂראל? פֿאַרן האָלצהעקער, פֿאַרן קצבֿ, פֿאַרן בעל-מלאָכה, פֿאַרן פּראָסטן ייִדן?... בפֿרט — פֿאַר אַ זינדיקן ייִד? וואָס, רבי, האָט איר פֿאַר ניט-לומדים?

דער בריסקער רבֿ שווײַגט, גלײַך ער פֿאַרשטייט נישט, וואָס מען רעדט צו אים. און דער ביאַלער רבי שטייט אַלץ פֿאַר אים און זאָגט ווײַטער מיט זײַן זיס קול:

— זײַט מיר מוחל, רבי, נאָר דעם אמת מוז איך אײַך זאָגן... האַרט איז געווען אײַער תּורה. האַרט און טרוקן, ווײַל זי איז נאָר דער גוף און נישט די נשמה פֿון תּורה!

— די נשמה? — פֿרעגט בריסקער רב און רײַבט זיך דעם הויכן שטערן.

— אוודאי! אײַער תּורה, רבי, האָב איך געזאָגט, איז נאָר פֿאַר יחידי-סגולה, פֿאַר למדנים, נישט פֿאַר כּל-ישׂראל. און די תּורה מוז זײַן פֿאַר כּל-ישׂראל! די שכינה מוז רוען אויף כּל-ישׂראל! וואָרעם די תּורה איז די נשמה פֿון כּל-ישׂראל!

— און דײַן תּורה, נוח?

— איר ווילט זי זען, רבי?

— תּורה — זען? — וווּנדערט זיך דער בריסקער רבֿ.

— קומט, רבי, איך וועל זי אײַך ווײַזן; די שׂמחה וואָס שטראַלט אַרויס פֿון איר אויף אַלע, אויף כּל-ישׂראל!

דער בריסקער רבֿ רירט זיך נישט.

— איך בעט אײַך, רבי, קומט, נישט ווײַט!

ער האָט אים אַרויסגעפֿירט אויפֿן גאַנעקל. שטילערהייט בין איך זיי נאָכגעגאַנגען.

דער רבי האָט דאָך דערפֿילט:

— מענסט נאָכגיין, — מאַכט ער, — שמעיה, הײַנט וועסטו אויך זען... דער בריסקער רבֿ וועט אויך זען... שׂמחת-תּורה וועט איר זען... איר וועט זען אמתע שׂמחת-תּורה!

און איך האָב געזען דאָס אייגענע, וואָס אַלע שׂמחת-תּורה. נאָר איך האָב אַנדערש געזען... ווי אַ פֿאָרהאַנג איז מיר אַוועקגעפֿאַלן פֿון די אויגן.

צווישן צוויי בערג

אַ גרויסער, ברייטער הימל — ממש אין־סוף, און בלוי, אַזוי העל־בלוי איז דער הימל געווען, אַז עס האָט מחיה געווען דאָס אויג. איבערן הימל זײַנען געשוווּמען ווײַסע, ממש זילבערנע, וואָלקנדלעך, און אַז מען האָט זיך אין זיי אײַנגעקוקט, האָט מע געזען, ווי זיי ציטערן ממש פֿאַר פֿרייד, ווי זיי טאַנצן אונטער מיט שׂמחת־תּורה! הינטן ווײַטער האָט אַרומגענומען די שטאָט אַ גרינער, ברייטער גאַרטל, אַ טונקל גרינער, נאָר דאָס גרינע איז געווען לעבעדיק גרין, אַזוי לעבעדיק, גלײַך עס וואָלט אַ „חיות" אַרומגעפֿלויגן צווישן די גרעזן: וואָס אַ מאָל, האָט זיך געדאַכט, פֿלאַמט ערגעץ אַנדערש אויף אַ חיות, אַ געשמאַק, אַ לעבן; — מען האָט געזען בחוש ווי די פֿלעמלעך שפּרינגען און טאַנצן צווישן די גרעזעלעך... גלײַך ווי זיי האַלדזן זיי און קושן זיי...

און אויף די לאַנקעס מיט די פֿלעמלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט כּיתּות און כּיתּות פֿון חסידים... די אַטלאַסענע און אַפֿילו די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבן געבלאַנקט ווי די שפּיגל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... און די פֿלעמלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון צווישן די גרעזעלעך, האָבן זיך געכאַפּט און געטשעפּעט אָן די שפּיגל־ענדיקע בגדי יום־טובֿ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טאַנצן אַרום יעדן חסיד, מיט התלהבֿות, מיט ליבשאַפֿט... און אַלע כּיתּות חסידים האָבן געקוקט מיט וווּנדערלעך דורשטיקע אויגן אַרויף צום רבינס גאַנעקל... און די דאָרשטיקע אויגן, האָב איך געזען ממש בחוש, זייגן פֿון גאַנעקל, פֿון רבינס פּנים דאָס ליכט, און וואָס מער ליכט זיי האָבן געזויגן, העכער געזונגען האָבן זיי... אַלץ העכער און העכער... אַלץ לוסטיקער, אַלץ הייליקער...

און יעדע כּיתּה האָט זיך געזונגען איר ניגון, נאָר אין דער לופֿט האָבן זיך די אַלע ניגונים מיט די אַלע קולות אויסגעמישט; און צום רבינס גאַנעקל איז צוגעקומען איין ניגון... גלײַך אַלע זינגען איין זמר. און אַלע זינגען — דער הימל זינגט, די גלגלים זינגען, און די ערד פֿון אונטן זינגט, און די נשמה פֿון דער וועלט זינגט — אַלץ זינגט!

ריבונו־של־עולם! איך האָב געמיינט, איך צעגיי אין מתיקות... עס איז אָבער נישט באַשערט געווען.

— מען דאַרף מינחה דאַווענען! — האָט פּלוצלונג דער בריסקער רבֿ אַרויסגעזאָגט שאַרף; און אַלץ איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן...

שטיל — דער פֿאָרהאַנג איז מיר צוריקגעפֿאַלן פֿאַר די אויגן: אויבן — אַ פּשוטער הימל, אונטן — פּשוטע פּאַשע, פּשוטע חסידים אין צעריסענע קאַפּאָטעס... אַלטע, צעריסענע שטיקלעך ניגונים... אויסגעלאָשן די פֿלעמלעך — איך קוק אויפֿן רבין, זײַן פּנים איז חושך. — — — — — — — — — — — — — — —

זיי האָבן זיך נישט אויסגעגלייכט: דער בריסקער רבֿ איז גע־בליבן אַ מתנגד ווי פֿריער; מיט דעם איז ער אַוועקגעפֿאָרן!
דאָך אַ פּעולה האָט עס געהאַט! גערודפֿט האָט ער שוין נישט.

ווערטער־פּאַרטייטש

תּלמיד־מובֿהק — פּעיִקער, געראָטענער תּלמיד.
נעלם — פֿאַרשווינדן.
גלות — וואַנדערן איבער דער וועלט; ווערן פֿאַרטריבן פֿון אייגענעם לאַנד; פֿרעמד לאַנד.
נתגלה ווערן — אַנטפּלעקט ווערן; זיך באַווייַזן צוריק.
דין — געזעץ; יידיש־רעליגיעז געזעץ.
שאלת־נשים — פֿרויען־פֿראַגעס.
בשׂר וחלבֿ — פֿלייש און מילך.
דין־תּורה — מישפּט; פּראָצעס.
שאלה — פֿראַגע; פּראָבלעם.
באותו־הרגע — אין דער מינוט.
חיות — לעבן; טעם; געשמאַק.
ממשלה — מאַכט; הערשאַפֿט.
תּורת־חיים — די תּורה פֿון לעבן.
קבלה־ספֿרים — ביכער ווו עס ווערט דערקלערט די מיסטישע לערע.
מתנגד — אַ קעגנער פֿון חסידים.
זוהר — וויכטיקער ספֿר פֿון יידישער קבלה, פֿון יידישער מיסטיק.
פּרדס — אַ ספֿר פֿון יידישער קבלה.
חרם — אויסשליסן פֿון קהל; פֿאַרשילטן.
ערלים — נישט־יידן; קריסטן.
מרה־שחורה — מעלאַנכאָליע.
חידוש — וווּנדער; אויסטייַטש.
דעה — געדאַנק; מיינונג.
גן־עדן־התּחתּון — אונטערשטער גן־עדן.
אין לשער — אומגעהייַער; ניט אָפּצושאַצן; ניט פֿאַרשטעלן זיך.
אין לספּר — נישט איבערדערציילן.
כּלי־בית — שטוביקע מעבל.
איבֿרים — גלידער.
כּל־ישׂראל — אַלע יידן; פֿאָלק.
גיהינום — דאָס אָרט ווו די זינדיקע נשמות ווערן באַשטראָפֿט.
פּותר־חלום זייַן — באַשיידן, אויסטייַטשן אַ חלום.
לומדים — געלערנטע.

דאגה — זאָרג; עסק.

עד מפי עד — איין עדות האָט עם געהערט פֿון אַ צווייטן; פֿון מויל צו מויל.

התגלות — אַנטפּלעקונג; אויסרופֿן זיך פֿאַר אַ רבין.

מלמד — לערער פֿאַר רעליגיעזע לימודים.

לכתחילה — גלייך אין אָנהייב.

מלמדות — לערעריי.

עושר — רייכער מאַן; גביר.

מחותנים — קרובֿים, פֿריינט צוגעקומענע דורך חתונה מאַכן אַ קינד.

חולקים — שטאַרקע קריגערישע קעגנער פֿון אַן אידעע.

ערבֿ זיין — גאַראַנטירן; פֿאַרזיכערן.

בני־אָדם — מענטשנקינדער; נאָמען פֿון אַ תּפֿילה וואָס מע זאָגט ווען מע שלאָגט כּפּרות.

מתרחק זיין — זיך דערווייטערן.

כּעס — צאָרן, פֿאַרדרוס.

ליצנות — חוזק, שפּאַס, אָפּלאַכעריי.

בטבֿע — פֿון נאַטור; ווי זיין שטייגער איז געווען.

ויהי־היום — איין מאָל.

ניזק ווערן — באַשטראָפֿט ווערן; באַשעדיקט ווערן.

צדיקי־הדור — די צדיקים פֿון דור.

לא־עליכם — נישט פֿאַר אייך געדאַכט.

בנים־זכרים — יינגלעך.

רחמנא־ליצלן — גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן.

מקשה־לילד — גייט שווער צו קינד.

מן־השמים — פֿון הימל.

מחלוקת — קריגעריי.

עונש — שטראָף.

התנגדות — קעגנערשאַפֿט לגבי חסידות.

ביד־חזקה — מיט אַ פֿעסטער האַנט.

הרמות — פֿאַרשילטן; אויסשליסן פֿון קהל.

תּקיפֿות — פֿעסטקייט, זיכערקייט אין זיך און אין אייגענער מאַכט.

אנשי־חיל — שטאַרקע הערשער.

בריאה — באַשעפֿעניש.

פּידיון — געלט וואָס מע גיט אַ רבין פֿאַר אַ ברכה אָדער עצה; אויסלייז־געלט.

נפֿשו קשורה בנפֿשה — זיין נשמה איז פֿאַרבונדן מיט איר נשמה; זיי האָבן זיך ביידע שטאַרק ליב.

שלום־בית — שיין, פֿרידלעך פֿאַמיליע־לעבן.

סכנת־נפשות — אַ געפאַר פאַר לעבן.
פלוניתטע — ווייַב, פרוי.
כהאַר־לישנא — מיט אַזאַ לשון.
מטמון — אַ סך געלט.
סכנה — געפאַר, אומגליק.
יולדת — געווינערין, קינפעטאַרין.
שמירהלע — אַ זאַך ווי אַ מיטל צו פאַרהיטן פון בייזע גייַסטער.
קמיעלע — אַ מיסטעריעזע שריפט אויף פּאַרמעט צו פאַרהיטן פון אַלדאָס בייזס

אמונה — גלויבן; צוטרוי.
בן־בית — אַ היימישער מענטש.
מרחם זיין — רחמנות האָבן.
צדקה תציל ממות — צדקה געבן ראַטעוועט פון טויט.
מתים — טויטע; געשטאָרבענע.
צד - צדדים — פּאַרטיי - פּאַרטייען; באַוועגונג - באַוועגונגען.
רוחות — גייַסטער; נישט-גוטע; שדים.
תוך־כדי־דיבור — אַזוי ווי מע רעדט.
קיימא־לן — אויספיר; זיכערקייט; טראַדיציע.
שליטה — מאַכט; הערשאַפט.
בחוש — דייטלעך, קלאָר, ממש.
הושענא־רבה — דער זיבעטער טאָג סוכות.
וועלקי ראַבין — גרויסער רבֿ.
דוזשי ראַבין — אויסטערלישער רבֿ.
איבֿרים — גלידער.
אימה — שרעק, פּחד, מורא.
מחיהדיק — דערקוויקנדיק; גוט, ליבלעך.
מתיקות — זיסקייט.
גל של עצמות — אַ בערגל ביינער.
כבֿוד־התורה — דער כּבֿוד פון דער תּורה.
שמיני־עצרת — אַכטער טאָג סוכות.
מנין — צען מענטשן.
נברך אלוהינו — לאָמיר בענטשן אונדזער גאָט; ווען עס איז דאָ אַ מנין (צען מענטשן) בייַם עסן, זאָגט מען בייַם בענטשן „נברך אלוהינו".
לויתן — גרויסער פיש.
תנועה — באַוועגונג; אַ מאַך מיט דער האַנט.
מסכתות — גמרות; טראַקטאַטן פון תּלמוד.
שמחת יום־טובֿ — יום-טובֿדיקע פרייד.
אהבה — ליבשאַפט.

דבֿקות — באַהעפֿטונג, צוגעבונדנקייט צו גאָט.
בעל־מופֿת — ווונדערמאַן; קונצן־מאַכער.
מופֿת־מופֿתים — ווונדער — ווונדערס.
מזהיר זײַן — וואָרענען.
קרובֿ־לאמת — נאָענט צום אמת; ענלעך.
מסתּמא — פֿאַרשטייט זיך; געוויס.
כּוונה — מיין; ברען, טיפֿער געפֿיל.
דין־שלא־בפֿניו — אַרויסגעטראָגן אַ מיינונג אונטער די אויגן.
הלצה — שפּאַס.
נס־מן־השמים — נס פֿון הימל.
מקבל־נחת זײַן — האָבן פֿאַרגעניגן.
כּיתּות — גרופּעס; קלאַסן.
עניוות — באַשיידנקייט.
דין — געזעץ; שטרענגקייט.
רחמים — רחמנות; דערבאַרעמדיקייט.
חסד — גענאָד; גוטסקייט.
ברזל ונחושת — אײַזן און קופּער.
יחידי־סגולה — אויסדערוויילטע; גײַסטיקע אַריסטאָקראַטן.
אין־סוף — אומענדלעכקייט; אָן אַ גרענעץ.
מחייה זײַן — דערקוויקן.
חיות — לעבן; דערקוויקונג; געשמאַק.
בגדי יום־טובֿ — יום־טובֿדיקע קליידער.
התלהבֿות — ברען.
כּיתּה — גרופּע.
זמר — געזאַנג.
חושך — פֿינצטער; אומעטיק, טרויעריק.
פּעולה — ווירקונג, השפּעה, רעזולטאַט.
געראָדפֿט — פֿאַרפֿאָלגט; דיסקרימינירט.

יוחנן וואַסער־טרעגער

און

די מעשׂה, וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילן, האָב איך בקבלה פֿון מײַן זיידן, עליו־השלום, וואָס האָט די זכיה געהאַט צו זײַן אַן אײַנגייער בײַם „אורח־חיים” אין שטוב, און האָט עס במעמד פֿון נאָך באַלעבאַטים חשובים, געהערט מפּיו הקדוש — פֿון „אורח־חיים” הייליקע לעפּצן.

אין דער פֿרי, באַלד נאָך שחרית, זיצט זיך דער „אורח־חיים”, כּמנהגו, אין קליינעם בית־המדרשל פֿאַרן אַנבײַסן, און קוקט אין אַ ספֿר אַרײַן. נישט ווײַט פֿון אים זיצן און רעדן צווישן זיך שטיל די דיינים; עס איז גראָד קיין דין־תּורה נישט געווען. און נאָך אַ ביסל ווײַטער — די תּלמידים, דעם „אורח־חיימס”: איינער חזרט זיך איבער די נעכטיקע סוגיא, אַן אַנדערער קוקט זיך דורך דעם מהרש”אַ צו דער הײַנטיקער, אַ דריטער זאָגט זיך אַ לייענען.

אין מיטן דערהערט זיך פֿון דער גאַס אַ קול „צדקה תּציל ממות” און אַ קלונג מיט דער פּושקע. זאָגט מען „ברוך־דיין־אמת”. מע ווייסט וואָס עס באַטײַט: נאָך פֿאַר שחרית האָט מען געגעבן צוויי קלעפּ אין טויער און געזאָגט, אַז יוחנן וואַסער־טרעגער איז ניפֿטר געוואָרן אין הקדש.

ווערט אָבער דער „אורח־חיים” פֿאַרענדערט אויפֿן פּנים, הייסט זיך דערלאַנגען דעם שטעקן מיטן ספּאָדיק, און זאָגט, — ער גייט צו דער לוויה.

מילא, אַז דער „אורח־חיים” גייט, גייען די דיינים אויך מיט; נע־מען די תּלמידים רשות און גייען אויך. און אַזוי — אַנדערע, וואָס זענען גראָד געווען אין קליינעם בית־המדרשל. קומט מען אין גאַס אַרײַן. זעען די גאַסמענטשן, ווער עס גייט, גייט מען מיט; פֿאַרמאַכט מען די קלייטן און מע גייט. קוקט עמעץ פֿון בית־המדרש דורך אַ פֿענצטערל אַרויס און זעט די לוויה, איז ער מודיע דעם בית־המדרש־עולם, פֿאַרמאַכט מען די גמרות און מע לויפֿט אַראָפּ צו דער לוויה. הכּלל — די שטאָט גייט, קינד און קייט.

מע גייט און מע חידושט זיך: וואָס איז?

דער ניפֿטר איז געווען, ער זאָל אונדז מוחל זײַן, אַ פּשוטער ייִד..

אמת, געדאַווענט וותיקין; מינחה ומעריב — אין גרויסן בית־המדרש; דערנאָך אַרומגעטראָגן קאַלט וואַסער פאַר די לומדים. אָבער אַזאַ לוויה?

געווען נאָר אַ תהילים־זאָגער, אָבער די עבֿרי זיינע! מע פלעגט זיך קוים איינהאַלטן פאַר געלעכטער... איין מאָל האָט אים דער „וחלקלקות" בשום־אופן נישט געקאָנט פון מויל אַרויס; האָט מען זיך געקייקלט... אמת, דער „אורח־חיים" איז געווען דערביי, ער איז אין כעס געוואָרן און אַנגעשריען...

און וואָס נאָך? אַ נהנה ־ מיגיע ־ כפּו; ביז אין דער לעצטער רגע קיין מתנת־בשׂר־ודם נישט גענומען — נו, הכלל?

און דער "אורח־חיים" גייט... איין גאַס, נאָך אַ גאַס... אַ ווינט און אַ גליטש, עס קילט אין אַלע איבֿרים, און ער גייט פון שטאָט, לייגט די האַנט אויף אַ מיטה־שטאַנג און פירט די מיטה אויפן בית־החיים, גייט אַריין צו דער טהרה... נעמט ביים קבֿר אָן ביים ליילעך און העלפט אַראָפּלאָזן... נעמט אַרויס די לאַפּעטע פון אַ קברנס האַנט און שיט אַ שאַל ערד, הערט אויס קדיש, זאָגט הויך „אָמן".

פאַרשטייט מען, אַז עס איז נישט פשוט!

און געווען איז דאָס דאַנערשטיק. פרייטיק איז פרייטיק; דער עולם איז פאַרנומען, מע גרייט זיך צו לכּבֿוד שבת; מע גייט אין מרחץ אַריין; נאָכן מרחץ גייען נאָך לייטישע באַלעבאַטים אויף אַ גלעזל מעד. שבת איז שבת... געלויבט איז גאָט — מוצאי־שבת, קוים דערלעבט, מאַכט דער זיידע עליו־השלום, געשווינד אָפּ הבדלה, זאָגט אָפּ „ויתן לך" און לויפט צום „אורח־חיים". און קומען קומט ער צום „אורח־חיים" נישט אַליין; אויפן וועג האָבן זיך צו אים מצרף געווען נאָך עטלעכע באַלעבאַטים און לומדים... קומען זיי צום „אורח־חיים" אין שטוב אַריין, זאָגט ער נאָך „ויתן לך", וואַרט מען. דערנאָך: „גוט וואָך, רבי!" „גוט יאָר, באַלעבאַטים"! די רביצין איז מיט עפּעס וואָס מכבד. זעצט מען זיך צום טיש; די רביצין גייט צו זיך אין שטוב אַריין, — מילא, מע וועט דאָך נישט אַרויס פון דער העלער הויט מיטן עצם־ענין — מאַכט מען פריער אַ שמועס מכּוח דער קהילה. צי עס איז נישטאָ אַ חשש אויפן עירוב, דערפון איז מען אַרויף אויף אַן עגונה, איבער וועלכער אַ וועלט מיט רבנים האָבן זיך דעמאָלט געאַמפּערט, וכדומה, און אַזוי ווי אַלע שמועסן ענדיקן זיך סוף־כּל־סוף מיטן טויט, האָט מען שוין געקערעוועט צו דער זאַך.

איז דאָך דער אורח־חיים אַ קלוגער ייִד געווען, שמייכלט ער: ער האָט באַלד געוווּסט נאָך וואָס זיי זענען געקומען...

זענען זיי זיך מודה: אמת — זאָגט זיי — אַזאַ מעשׂה נורא...

זאָגט זיי דער אורח־חיים:

— זייט וויסן, רבותי, אַז עס איז ניפטר געוואָרן אַ ייִד, וואָס האָט געהאַט אַ חוש-הריח צו דערקענען לומדי-תורה, וואָס אַן אורח-חיים האָט עס נישט. און דערצו אַ ייִד, וואָס האָט מער געפּועלט מיט דער האַק אין דער גראָבער האַנט, ווי דער אורח-חיים מיט די כּוונות אין מוח...

גאַפט מען: מען האָט פון קיין פּתרון, פון קיין חלום נישט גע-ווּסט... דער אורח-חיים האָט גאָר קיין מאָל דערפון קיין וואָרט ניט גערעדט...

— עס איז געווען אַ סוד, — זאָגט דער אורח-חיים.

— דער ייִד, זאָגט ער — האָט נישט געוואָלט נתגלה ווערן, און אַז עס איז געשען אַ מעשׂה, און ער האָט מיר געמוזט אַנט-פּלעקן, האָט ער גענומען ביי מיר דאָס וואָרט, אַז בחייו זאָל איך שווייַגן.

נאָך איינער איז געווען דערביי, אויך להבדיל בין החיים והמ-תים, דער געוועזענער בית-דין-שמש, כאָטש ער איז געווען אין דרויסן און האָט ווייניק-וואָס געזען, האָט ער געגעבן תּקיעת-כּף, אַז ער וועט שווייַגן, און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

— אָבער אַצינד, — זאָגט דער „אורח-חיים”, איז אוים סוד, און אַז איר ווילט, מהיכי-תּיתא. מילא — שטעלט מען אויף מויל-און-אויערן.

— עס איז שוין דערינען — הייבט אָן דער אורח-חיים צו דער-ציילן — אַ יאָר פינף און צוואַנציק, ער איז דעמאָלט נאָר וואָס אָנגעקומען אין קהילה אַריין.

נאָר וואָס אָנגעקומען, איז ער זיך מיישב, ער וועט גיין צו מעריב אין גרויסן בית-המדרש אַריין, זען ווי מען דאַוונט און לערנט אין גרויסן בית-המדרש.

קומט ער צו מעריב! גייט צו עפּעס אַ קרעמפּע יידל צום עמוד.

פרעגט ער, ווער עס איז? זאָגט מען אים: איינער יאָסל דבשהם — אַ גאַנץ ערלעכער ייִד.

דאַוונט ער, דער יאָסל דבשהם, גאַלאָפּ — אַ מיל מאָלט...

ענטפערט עס אים: אַ באַלעבאָס, יאָגט ער זיך אַזוי צו דער ווע-טשערע... מן-הסתם ווייסט ער, אַז מען קאָכט קליסקעלעך מיט בע-בעלעך...

וויל ער שוין אָנקלאַפּן אין שטענדער: איז ער אָבער בטבע אַ רויִקער, וואַרט ער; וואַרטנדיק דערהערט ער, אַז עס שטעקט עפּעס אין בעל-תּפילהס קול — ער כאַפּט. און דאָס קול כאַפּט אָן בייַם האַרץ...

שווייַגט ער.

צו שמונה־עשרה דרייט ער זיך איבער צו דער מיזרח־וואַנט, זעט ער „הבחור יחיאל בן דבשה לרפואה שלמה״, אויפגעשריבן מיט קרײַט אויף דער וואַנט! פֿאַרשטייט ער שוין, וואָס דער ייִד, נעבעך, יאָגט זיך, — צום קראַנקן קינד.

איז ער זיך מחיה מיט זײַן אָפּגעהיטקייט, און האָט זיך אין איין וועג אַ הירהור־תּשובֿה אויף דבֿרים־שבלבֿ. וואָרעם אין האַרץ האָט ער דאָך דעם ייִדן, וואָס האָט זיך געאײַלט צום קראַנקן קינד חושד געווען, אַז ער איז איבערגעגעבן דער שיסל... קומט ער, דער אורח־חיים, צו „רפֿאנו ד׳ ונרפֿא״ — איז ער זיך טאַקע מתכוון צו הבחור יחיאל בן דבֿשה... און האָט, ברוך־השם, געפּועלט! אַ שעת־רצון... נאָך די אייגענע נאַכט האָט דער בחור געשוויצט, איז אַריבער בשלום דעם קריזיס. דעם שוחטס איידעם איז ער הײַנט; קאָן לערנען...

נאָך דער הקדמה גייט דער אורח־חיים איבער צום עיקר־המעשׂה.

מען האָט אָפּגעדאַוונט מעריבֿ, אָפּגעזאָגט רבנן־קדיש און דער שמש איז צוגעגאַנגען צום אָרון טיילן ליכטלעך. טיילט ער און טיילט, און קאָן זיך נישט דערטיילן, אַזאַ עולם, קיין עין־הרע!

און דער עולם צעגייט זיך אויף זײַנע ערטער, זיצט שוין יע־דער בײַ זײַן ליכטל און פֿאַר זײַן גמרא אויפֿן שטענדער. הינטן בײַם שולחן — אַ חבֿרה ש״ס! ספּאָדיק בײַ ספּאָדיק!

טוט אים, דעם אורח־חיים, טאַקע שטאַרק הנאה — ליכטלעך און פֿלעמלעך ווי די שטערן אין הימל; אויף כּל תּפֿוצות־ישׂראל געזאָגט!

ווען דער רבונו־של־עולם וואָלט אַראָפּגעקוקט מיט נחת אויף אונדזערע ליכטלעך אין די בתּי־מדרשים, ווי מיר קוקן צום הימל אַרויף מיט נחת צו זײַנע ליכטלעך, וואָלט גוט געווען.

און ווי ער זיצט און טראַכט אַזוי, קומט צו אים צו דער שמש און פֿרעגט אים, וואָס פֿאַר אַ ספֿר ער וויל. זאָגט דער אורח־חיים „מועד״; ער האָט דעמאָלט עוסק געווען אין אַן ענין פֿון „מועד״; געווען עפּעס אַ שאלה פֿון אַ גדול־הדור. שטייען אין גרויסן בית־המדרש די ש״ס־גמרות הויך אויף דער שאַנק איבערן שולחן פֿון דער חבֿרה ש״ס. האָט דער אַלטער שמש געמוזט מבֿטל זײַן די לומדים, און נעמען און אַרויפֿקריכן אויף אַ לייטער... און דער שמש איז אַן אַלטער ייִד... אַ בחור האָט אַפֿילו געוואָלט ממלא־מקומו זײַן, וויל ער אָבער נישט, דער אַלטער... האָט שוין דער אורח־חיים חרטה, נאָר פֿאַרפֿאַלן; ער האָט נישט געוווּסט, ווו די ש״ס־גמרות שטייען... דאָך קוקט ער זיך דערווײַל אום איבערן בית־המדרש און הערט זיך צו צו די קולות: עס זומט און ברומט, און זינגט, אַז עס נעמט דורך.

מיט אַ מאָל דערזעט ער, אַ וואַסער-טרעגער (דערנאָך ערשט איז ער געוואָר געוואָרן, אַז ער הייסט יוחנן) גייט אַרום מיט אַ קאַן און טראָגט צו צו די שטענדערס קאַלט וואַסער. געפעלט אים זיין התנהגות: אַז ער קומט צו צו אַ שטענדער, שטעלט ער זיך אָפּ, וואַרט ביז דער לומד-תורה וועט דערזען, און אויסשטרעקן די האַנט צו דער קוואָרט; מבטל זיין פון תורה וויל ער נישט... און ווער עס נעמט די קוואָרט, זעט ער, שמייכלט און מאַכט פאַר אים הויך אַ ברכה. און יוחנן וואַסער-טרעגער ענטפערט מיטן גאַנצן האַרץ: אָמן! זאָגט נאָך: אַ שיינעם דאַנק און קוקט אויפן לומד-תורה מיט גרוים ליבשאַפט, און גייט ווייטער...

ווערט דער אורח-חיים אַ ביסל נתפּעל פון אַ פּראָסטן ייִדן. פרעגט ער, ווער ער איז. זאָגט מען אים, יוחנן וואַסער-טרעגער. גוט. קוקט ער אַזוי ווייטער, דערזעט ער פון דעם אייגענעם יוחנן וואַסער-טרעגער אַ משונה ווילדע זאַך, וואָס קיינער האָט דאָס גאָרניט באַמערקט. נישט ווייט פון אורח-חיימס אָרט, ביי דער מיזרח-וואַנט, איז געזעסן אין אַ זייט איינער אַ בלאַסער יונגערמאַן, ציַ אַ בחור, — שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן — אַ פּרוש, — איבער אַ קבלה-ספר זיצט ער. דער אורח-חיים האָט געהאַט זייער אַ שאַרפע ראיה, און פון דער ווייטנס האָט ער דערזען, אַז אויפן אָפענעם בלאַט זיינען אויסגעמאָלט ספירות — עס איז אוודאי געווען דער „עץ-החיים". און צו דעם שטענדער, זעט ער באַשיינפערלעך, ווי יוחנן וואַסער-טרעגער וויל צוגיין מיט וואַסער און קאָן נישט. וואָס ער גענענט זיך צום שטענדער, פאַלט ער צוריק, גלייך עפּעס וואָלט אים אָפּגעשטויסן, יאָ אַ פּלא?! איז ער דאָך אָבער אַן אָפּגעהיטע-נער — דער אורח-חיים, וואַרט ער... ברענגט אים דער שמש די גמרא „מועד", פאַרהאַלט ער אים, און פרעגט אים אויפן מקובל. זאָגט אים דער שמש מיט אַ ביסל גאווה: אָ, דאָס איז, רבי, אונדזער פּרוש! אַ גרויסער מקובל, זיצט גאַנצע טעג אין תעניתים, לערנט שטענדיק ביחידות... און שטילער גיט ער צו: וווינען וווינט ער אין עק שטאָט, אין אַ חורבה... גאַנצע נעכט הערט מען פון חורבה אַרויס משונה-דיקע קולות און זמירות... אַ פּנים, מע קומט צו אים לערנען און זמירות זינגען...

וואָס זאָל ער טראַכטן, דער אורח-חיים?

טראַכט ער, אַז בשעתן לימוד איז דער פּרוש אויף אַזאַ הויכער מדרגה, אַז דער פּראָסטער וואַסער-טרעגער האָט די זכיה נישט צו שטיין אין זיינע ד' אמות, צו קומען אין זיין מחיצה אַריין; שטויסט עס אים אָפּ.

איז ער דאָך אַ לב-טוב, דער אורח-חיים, קריגט ער רחמנות אויפן אָרעמען ייִדן, וואָס וויל אַ מיצווה טאָן, און קאָן נישט. דאָס

איז איינס; און צווייטנס, ווייל זיך דער אורח־חיים באַקענען מיטן פּרוש, איבעררעדן דערפֿון. איז ער דאָך אָבער מרא־דאתרא, ווייל ער אָנזאָגן דעם פּרוש דורכן שמש, אַז ער וויל מיט אים רעדן... אָבער ווי ער האָט דאָס נאָר אַ טראַכט געטאָן, דערזעט ער עפּעס נײַעס: יוחנן וואַסער־טרעגער גייט פֿאַרבײַ דעם פּרושס שטענדער, דער פּרוש דערזעט אים, און שטרעקט אויס די האַנט נאָך דער קוואָרט, און הייבט די אויגן אויף מיט אַ בקשה צו אַ טרונק... און יוחנן וואַסער־טרעגער דערשפּירט עס, דרייט ער זיך צו אים צוריק אויס, ווייל דערלאַנגען די קוואָרט, און ווערט נאָך אַ מאָל ווי אָפּגעשטויסן, גיט אַ מאַך אַוועק מיט דער האַנט, גייט זיך זײַן וועגס, און דער פּרוש בלײַבט זיצן ווי דערשראָקן.

דערווײַל קומט אָן אַנדער וואַסער־טרעגער, נאָך אַ פּשוטערער ייִד, וואָס הערט נישט אויס קיין ברכה, ענטפֿערט נישט אָמן, קוקט אויף די לומדי־תורה גאָר אָן ליבשאַפֿט — אַ מענטש מיט אַ מגושם פּנים, טוט אַ מיצווה אין פּשטות אַרײַן... און דער מגושמדיקער וואַסער־טרעגער האָט יאָ שליטה צום פּרוש, עס שטויסט אים ניט אָפּ; פֿאַרקערט ער שטעלט זיך אָפּ, שטעלט אַוועק די קאַן, שפּאַרט אָן די האַנט אויפֿן שטענדער, רעדט עפּעס צום פּרוש, קענטיק ער פֿרעגט אים, צי ער וויל אַ טרונק וואַסער, און דערלאַנגט אים. און דער פּרוש איז דאָרשטיק, לויפֿט מיטן מויל אָקעגן דער קוואָרט. דער אורח־חיים דערזעט אַפֿילו נישט, ווי ער מאַכט די ברכה...

וואָס, נאָך מער וווּנדער?

טראַכט דער אורח־חיים, אַז יוחנן וואַסער־טרעגער מוז האָבן עפּעס אַ שינאה צום פּרוש; האַלט די שינאה צום פּרוש מילחמה מיטן חשק צו טאָן אַ מיצווה ,און די שינאה פֿון עם־הארץ צום תּל־מיד־חכם איז גובֿר...

האָט אָבער אָן אורח־חיים וויכטיקערע ענינים אויפֿן קאָפּ, פֿאַר־געסט ער... איבער דער צײַט מאַכט זיך אָבער ווידער אַ מעשׂה:

איין מאָל ערב ראש־חודש, קומט דער אורח־חיים אַ ביסל צו פֿרי צום יום־כּיפּור־קטן אין שול אַרײַן, איז די שול נאָך ליידיק. אין דער הייך, אין אָפֿענעם פֿענצטער, פּישטשען פֿייגעלעך; אַ מחנה שוואַלבן פֿליט אַרויס, אַן אַנדער מחנה שוואַלבן קומט אָן, און אונטן אין שול, אין אַ ווינקל בײַם בעלעמער, שטייט יוחנן וואַסער־טרע־גער און זאָגט תּהילים. גייט דער אורח־חיים פֿאַרבײַ — לא קם ולא זע — אַזוי פֿאַרטיפֿט איז ער אין תּהילים. שטעלט ער זיך, — דער אורח־חיים — אָפּ נישט ווײַט, הערט ער זײַן עבֿרי... ווייל ער שוין שמייכלען... פּלוצלונג, דאַכט זיך אים, אַז די ווערטער וואָס קומען מיט די גרײַזן פֿון יוחנן וואַסער־טרעגערס מויל אַרויס, זענען נישט

יוחנן וואַסער־טרעגער

אילוסטרירט
יאָסל בערגנער

קיין פּשוטע ווערטער, נאָר לעבעדיקע ווערטער, עס פּילט זיך אין זיי אַ חיות... ווײַטער דאַכט זיך אים, אַז די ווערטער פליען אים פון מויל צום באַלקן אַרויף, און רירן זיך אָן אין די אויסגעמאָלטע קלעזמער פון דוויד המלכם "הללויה"... און די כּלים גלײַך ווי ווערטער קלאַפּן אין זיי, ציטערן; דאָ רופט זיך אָן אַ פּײַקל, דאָרט אַ פליוט, אַ מאָל אַ סטרונע פון אַ פידל, אָבער אַזוי שטיל, אַז נאָר דאָס אויער פון דער נשמה הערט... און פון דאָרט ערשט פליען די ווערטער מיט שטילע קולות צו צום פענצטער, און אַ מחנה פייגעלעך פון דרויסן פליען זיי אַקעגן מיט גרויס שמחה, און כאַפּן זיי אויף, און פליען מיט זיי אַרויס, און צום הימל אַרויף, און אַ נײַע מחנה פייגעלעך קומט אָן אויף זייער אָרט נאָך אַנדערע ווערטער, נאָך אַנדערע קולות...

קומט ער, דער אורח־חיים, נאָך יום־כּיפּור־קטן, אַהיים, פרעגט ער די רביצין, ווער עס טראָגט צו איר וואַסער. ווייסט זי נישט. דאַרפסט דען וויסן? — פרעגט זי.

זאָגט ער: אוודאי! אַז איך פרעג, מן־הסתם דאַרף איך וויסן.

לויפט די רביצין אין קיך אַרײַן און קומט צוריק מיט אַ תשובה: איינער אַ יוחנן.

זאָגט דער אורח־חיים:

— אַז ער וועט קומען, זאָל מען אים שיקן צו מיר אין חדר אַרײַן. ער האָט מיט אים וואָס צו רעדן.

גאַפט זי, די רביצין, נאָר איבערפרעגן וועט זי נישט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, דער אורח־חיים זיצט בײַ זיך אין שטוב, הערט ער: עמעץ הוסט. קוקט ער זיך אום: יוחנן וואַסער־טרעגער!

בעט ער אים זיצן, וויל ער נישט.

זאָגט ער: איך הייס! זעצט ער זיך אויף אַן עק פון אַ בענקל.

— יוחנן — הייבט אָן דער אורח־חיים — איך האָב געהערט דײַן תּהילים זאָגן...

זיפצט יוחנן אָפּ.

— הלוואי וואָלט ער עבֿרי געקאָנט.

און ער זאָגט עס אַזוי ערנסט, אַזוי פּראָסט, אַז דער אורח־חיים מיינט שוין זיכער, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. ווייסט ער שוין נישט, וואָס צו טאָן מיט דעם יוחנן. דערמאָנט ער זיך אָבער די מעשה מיטן פּרוש, זאָגט ער:

— יוחנן, וואָס האָסטו אַזוינס צום פּרוש, וואָס דו ווילסט אים קיין וואַסער נישט געבן?

ווערט יוחנן צערודערט, דאָס פּנים ווערט בײַ אים ווײַס ווי קאַלך, און שווײַגט.

פֿרעגט דער אורח-חיים נאָך אַ מאָל, ענטפֿערט יוחנן הייזעריק:
— רבי, איך דאַרף נישט זאָגן... עס איז אַ סוד.
— און אַז איך וועל הייסן?
ענטפֿערט יוחנן:
— וועל איך קיין ברירה נישט האָבן.
זאָגט דער אורח-חיים:
— בין איך אויף דיר גוזר...
— מוז איך!
— זײַט וויסן, רבי, — הייבט אָן יוחנן צו דערציילן, — אַז זײַן ליבער נאָמען האָט מיך געלײַטזעליקט מיט אַ חוש-הריח, צו דער-קענען אַ תּלמיד-חכם... איך אַליין לערנען קאָן נישט. נאָר אַ חוש-הריח האָב איך און איך דערפֿיל פֿון ווייטנס אַ תּלמיד-חכם, צי ער איז תּוכו כּבורו.
— פֿון וואַנען קומט עס צו דיר?
— איך בין, זײַט איך לעב, משמש תּלמידי-חכמים, דאָס איז מײַן עובֿדות... האָב איך אָבער מורא געהאַט, איך זאָל נישט נכשל ווערן אין אַ פֿאַלשן תּלמיד חכם, האָב איך מתפּלל געווען דערויף צו גאָט, און עס איז געווען אַן עת-רצון, און מען האָט מיר געגעבן אַ חוש צו דערפֿילן דעם ריח פֿון דער תּורה... פֿון דעמאָלט אָן אַז איך גיי פֿאַרבײַ אַ תּלמיד-חכם, דערפֿיל איך זײַן מדרגה. פֿאַראַן אַ תּלמיד-חכם, וואָס די תּורה זײַנע שמעקט מיטן ריח פֿון פֿריש ברויט פֿון אויוון אַרויס — דער לערנט אין פּשטות אַרײַן... איז ער גרע-סער במעלה, פֿיל איך זײַן תּורה, ווי פֿרישע עפּל... טייל מאָל ווי בלומען אויפֿן פֿעלד, טייל מאָל אויך — ווי פֿרישע בשׂמים...
— און בײַם פּרוש, וואָס פֿילסטו, יוחנן?
— סמאָלע, ברענענדיקע סמאָלע פֿון גיהנום...
גלייבט נישט דער אורח-חיים; שווײַגט ער.
און יוחנן זאָגט:
— רבי, עס איז אפֿשר גלײַכער, אַז איר ווייסט, איר זענט דאָך מרא-דאַתרא... און ווען איר וועט מיך דאַרפֿן, וועל איך אײַך קו-מען צו הילף!
גאַפֿט ער, דער „אורח-חיים", און דער וואַסער-טרעגער נעמט בײַ אים רשות און גייט אַרויס.
„מען דאַרף חוקר ודורש זײַן" — זאָגט זיך צום צווייטן מאָל דער אורח-חיים און פֿאַרגעסט ווײַטער.

איין מאָל דערמאָנט ער זיך דערינגען, איז ער זיך מיישב, ער וועט גיין אין גרויסן בית-המדרש אַרײַן נאָך מעריבֿ און אויספּרוּוון. קומט ער, זיצט שוין דער עולם און לערנט; דער פּרוש, ווי געוויינ-

לעך, אויף זיין אָרט. גייט ער, דער אורח־חיים, אומישנע האַרט פֿאַרבײַ פֿאַרן פּרוש, זעט ער, ער איז עוסק אין קבלה־מעשׂית... רירט ער זיך אָן אומישנע אַפֿילו אָן שטענדער — גאָרנישט, ער פֿילט נישט...

באַפֿאַלט אים אַ ביסל חולשת־הדעת.

ס׳טײַטש? ער, דער אורח־חיים, פֿילט נישט, און יוחנן וואַסער־טרעגער פֿילט? ווי אַזוי קאָן דאָס גענמאַלט זײַן? קלערט ער ווײַטער: עס מוז זײַן אַ טעות...

זעצט ער זיך לערנען, לערנט זיך נישט. פֿאַרמאַכט ער דעם ספֿר, גייט אַהיים צו דער וועטשערע; עסט זיך ניט, וואַשט ער זיך, עסט אַ כּזית, פֿון ברכה וועגן, און בענטשט... נעמט ער זיך אָנ־שרײַבן אַ תּשובֿה; פֿילט ער, אַז דער מוח איז אים נישט קלאָר, אַז ער איז נישט בקו־הבריאה. גיט אים די רביצין עפּעס אַ היימישע רפֿואה; לייענט ער אָפּ „קריאת־שמע” און לייגט זיך אין בעט אַרײַן. קוים ער שלאָפֿט אײַן, אַזוי קעגן האַלבער נאַכט, חלומט זיך אים אַ שרעקלעכער חלום.

עמעץ וועקט אים, עפֿנט ער די אויגן אויף, שטייט פֿאַר אים דער פֿאָטער, עליו־השלום, און זאָגט אים:

— דײַן קהילה ברענט און דו פֿאַרלעשסט נישט דאָס פֿײַער!

און ווערט נעלם.

שפּרינגט דער אורח־חיים פֿון בעט אַרויס און לויפֿט צו צום פֿענצטער, זעט ער אַז פֿון דער ווײַטנס, פֿון דער חורבֿה הינטער דער שטאָט, ווו עס וווינט — לויט דער שמש האָט אים געזאָגט, — דער פּרוש, רײַסט זיך אַרויס אַ פֿײַער, אַ רויט פֿלאַמענדיק פֿײַער, און ציט זיך אין שטאָט אַרײַן. קוקט ער ווײַטער, זעט ער, ווי איין פֿײַער־דיקע צונג לעקט דעם דאַך פֿון שול און די צווייטע פֿון גרויסן בית־המדרש, און אַרום איבער די דעכער פֿון די באַלעבאַטים פֿליען פֿונ־קען און עס דויערט אַזוי אַ ווײַלע און ווערט פֿאַרשווונדן.

ווערט ער, דער אורח־חיים, פֿאַרציטערט.

פֿאַרשטייט, ער אַז דאָס איז אַ התראה, אַז אין דער חורבֿה מוז זײַן אַ גרויסע זינד, אַז ער איז מחוייב עפּעס צו טאָן; ווייסט ער אָבער נישט וואָס. דערמאָנט ער זיך, אַז יוחנן וואַסער־טרעגער האָט אים געזאָגט, אַז ווען ער וועט אים דאַרפֿן, וועט ער אים קומען צו הילף. כאַפּט ער, דער אורח־חיים, שטילערהייט, די רביצין זאָל נים הערן, אויף זיך די בגדים און גייט אויף די נעגל אין דער ערשטער שטוב אַרײַן, ווו דער בית־דין־שמש האָט געוועכטיקט, און וועקט אים און פֿרעגט אים, צי ער ווייסט נישט, ווו יוחנן וואַסער־טרעגער וווינט. מוז ער אים דרײַ מאָל איבערחזרן, איידער דער בית־דין־שמש געטרויט זײַנע אייגענע אויערן און אויגן... ער גלייבט נישט,

דער אורח-חיים זאָל האַלבע נאַכט דאַרפֿן יוחנן וואַסער-טרעגער, און שטייט און רײַכט זיך אַלץ די אויגן. קוים מיט צרות איז ער צום גלייבן געקומען, און ער ווייסט — ווו ער וווינט — גייען זיי ביידע אַרויס אַן אַ לאַמטערן, און אין גאַס איז חושך, און איינער זעט נישט דעם צווייטן, און קוים קוים זיי טרעפֿן, נאָך מי און מאַטערניש, צו יוחנן וואַסער-טרעגערס דירה. קומען זיי צו צום פֿענצטער און ווילן אַנקלאַפּן, עפֿנט זיך דערווײַל די טיר פֿון אינעווייניק און יוחנן קומט אַרויס...

איך האָב, זאָגט ער, געוואַרט אויף אײַך, רבי... שוין צײַט צו פֿאַרלעשן דאָס פֿײַער.

זעט דער אורח-חיים, ער ווייסט...

תּוך-כּדי-דיבור שפּאַלט זיך דער וואָלקן אין הימל און עס באַווײַזט זיך אַ שטראַל ליכט, דערזעט דער אורח-חיים, אַז יוחנן גייט מיט אַ האַק. פֿרעגט ער: וואָס באַטײַט די האַק? ענטפֿערט יוחנן, אַז זי וועט צו נוץ קומען.

גייען זיי צו צו דער חורבּה, ווו דער פּרוש וווינט... קומען זיי צו נאָענט, דערפֿילן אַלע דרײַ אַ ריח פֿון ברענענדיקער סמאָלע, וואָס רײַסט זיך פֿון דער חורבּה אַרויס און וואָס נענטער צו דער חורבּה, ווערט דער ריח געדיכטער, ביז עס פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם... קומען זיי צו נאָך נענטער, רײַסן זיך אַרויס פֿון דער חורבּה משונהדיקע קולות, קולות פֿון נשים, וואָס זינגען, און פֿון קלעזמער, וואָס שפּילן, און אַ טופּען מיט די פֿיס פֿון טענץ, און אַז מע קומט נאָך נענטער צו — זעט מען ווי פֿעדעם פֿון ליכט שפּאַרן זיך אַרויס פֿון די שפּאַלטן...

הייבט אָן דער בית-דין-שמש צו ציטערן אויפֿן גאַנצן לײַב פֿאַר שרעק. וויל אים דער אורח-חיים שטאַרקן. זאָגט ער אים, האַלט זיך אָן בײַ מײַן גאַרטל, ציטערן אָבער אונטערן שמש די קני; פֿאַלט ער אַנידער אין מיטן גאַס.

זאָגט יוחנן צום „אורח-חיים”: רבי, לאָזט אים ליגן און קומט אין חורבּה אַרײַן, מיר זאָלן חס-ושלום, נישט פֿאַרשפּעטיקן...

פֿרעגט דער „אורח-חיים”, צי ער ווייסט, ווו די טיר איז.

ענטפֿערט יוחנן: מײַן חוש-הריח וועט מיך פֿירן.

גייען זיי.

— און וואָס וועל איך דאַרפֿן טאָן? — פֿרעגט דער אורח-חיים שטיל.

זאָגט יוחנן: יעדערער זאָל טאָן זײַנס. איר, רבי, וועט מלחמה האַלטן מיט אײַערע כּוונות אין מוח, איך — מיט דער האַק! האַלט איר נאָר די חבֿרה פֿון דער ווײַטנס מיט השבֿעות; די רעשט פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר...

און באותו הרגע עפֿנט ער די טיר אויף.
און זיי דערזעען אַ חתונה.
די חורבה איז באַלויכטן.
אין דער הייך און אַרום אויף אַלע ווענט, הענגען שאַרבנס פֿון מתים, און אין די לעכער ברענען פֿלעמלעך פֿון רויט פֿײַער... אין אַ זײַט שטייען שוואַרצע קלעזמער און שפּילן אויף שוואַרצע כּלים; און פֿון די שוואַרצע כּלים פֿליען אַרויס די קולות מיט פֿײַערדיקע צונגען צוזאַמען... און נאַקעטע נקבֿות, מיט קרענץ פֿון רויטן מאָן אויף די שוואַרצע קעפּ, און פֿײַערדיקע גאַרטלען אויף די לענדן, מאַנצן אַרום און אַרום אַ ראָד, און פֿון אונטער די באָרוועסע פֿיס, ציגענע פֿיס מיט פּאַדקעווועס — שפּריצן פֿײַערדיקע פֿונקען... און אַ מהומה פֿון פֿלאַמען שלאָגט זיי פֿון די אויגן, און פֿון די פֿײַערדיקע גאַרטלען, און פֿון די מײַלער צוזאַמען מיטן געזאַנג...
אַ בדחן שטייט אויף און רופֿט: שבת! שבת !אַז עס הילכט...
און אין מיטן ראָד גייט אַ כּלה־טאַנץ...
אויף אַ ווײַס טיכל טאַנצט דער פּרוש מיט לילית דער כּלה.
ער זינגט: בואי כלה, בואי כלה, און ציט אײַן צו זיך דאָס טיכל, לילית לאַכט און זיי טאַנצן שוין האַנט אין האַנט — —
— שבת! שבת! — רײַסט זיך דער בדחן. שטאַרקער הילכן די כּלים, ווילדער דרייט זיך דאָס ראָד, שרעקלעכער לויפֿן און וויקלען זיך די פֿלאַמען, און לילית וויל שוין פֿאַלן דעם פּרוש אויפֿן האַרץ אַרויף, באותו הרגע אָבער האָט מען דערשפּירט די געסט, די נישט־געבעטענע פֿרעמדע געסט, און מען איז פֿאַרציטערט געוואָרן.
עס ווערט אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ גערויש, אַ געקריצערײַ מיט די ציין, דאָס ראָד צעלאָזט זיך, אַלע מאַכן פֿויסטן און ווילן צו־לויפֿן צו די נישט־געבעטענע געסט...
נאָר דער אורח־חיים מיט זײַנע כּוונות האַלט זיי פֿון ווײַטן, מיט אויפֿגעהויבענע איינציקע פֿיס אין דער לופֿטן שטייען זיי אויף דער גרענעץ פֿון זײַנע ד אַמות, און איבערטרעטן זיי קאָנען זיי נישט — זיי ווערן אַזוי ווי פֿאַרשטאַרט, ווי פֿאַרשטיינערט נאָר אויס־געצויגן זײַנען די הענט, די ציין קריצן און אין די אויגן פֿלאַמט די שׂנאה.
— צו הילף, צו הילף! — שרײַט לילית אַרויס פֿון דער מיט.
און באותו הרגע הערט זיך אַ רעש, אַ געטומל פֿון דרויסן... אַ שטורעמווינט האָט זיך פֿון ערגעץ אויסגעריסן און לויפֿט אַרום דער חורבה און זוכט, ווי אַרום זיך אַרײַנצורײַסן אין איר, און קאָן נישט... די גאַנצע חורבה ציטערט, אין שטורעמווינט הערן זיך טויזנטער געשרייען, — אַרײַנרײַסן זיך קאָן מען זיך אָבער נישט. דער אורח־חיים האַלט אָפּ מיט זײַנע כּוונות, מיט זײַנע השבעות...

און פֿול ווערט די חורבה מיט כּוונות און השבעות און דער שוואַר־צער עולם שטיקט זיך אין דער לופֿט, מײַלער עפֿענען זיך ברייט, רויטע צונגען שטעקן זיך אַרויס... און זיי טרעטן אָפּ, און רוקן זיך אין די ווינקעלעך אַרײַן, ווערן אײַנגעשרומפּן.

און באותו הרגע כאַפּט יוחנן די האַק און צילט מיט איר, און וואַרפֿט און טרעפֿט ליליתן אין מיטן קאָפּ אַרײַן, און די האַק שפּאַלט זי איבער פֿון קאָפּ ביז אַראָפּ צו די פֿיס.

און באותו הרגע פֿאַלט דער פּרוש מיטן פּנים צו דער ערד... די ווינטן הערן אויף, די געשטאַלטן פֿאַרשווינדן, די כּלים פּלאַצן, די לעמפּלעך לעשן זיך אויס, די שאַרבנס פֿאַלן אַראָפּ פֿון וואַנט און באַלקן און צעפֿאַלן אויף שטויב. שטיל... און אַ שוואַרצע בריאה מיט שוואַרצע פֿליגל כאַפּט דעם ליגנדיקן פּרוש פֿון דער ערד, רײַסט, פֿליענדיק מיט אים, אויף אַ פֿענצטער, און ווערט מיט אים נעלם...

דורך דעם פֿענצטער רײַסט זיך אַרײַן אַ פֿרישער פֿאַרטאָג...

אַזוי, אַזוי, רבותי! — זיפֿצט אָפּ דער „אורח־חיים".

נעלם איז געוואָרן דער פֿאַלשער פּרוש; ווער ווייסט, אויב ער איז געקומען לקבֿורת־ישׂראל. אין שטאָט האָט מען געמיינט, אַז ער איז געגאַנגען אָפּריכטן גלות...

דעם בית־דין־שמש האָבן מיר, יוחנן און איך, קוים דערמינטערט און אַהיימגעפֿירט — עס האָט קיין בן־אָדם נישט געזען...

די רביצין האָט פֿון גאָרנישט געוווּסט. זי האָט נישט געזען, ווי איך בין אַרויס און ווי איך בין געקומען... אין דער פֿרי, פֿרעגט זי מיך, וואָס איך בין אַזוי בלייך; מאַך איך מיך נישט הערנדיק... אַז יוחנן וויל, עס זאָל בלײַבן בסוד...

אַצינד ווייסט איר שוין, וואָס אַזאַ יוחנן קאָן באַדײַטן!

אַזאַ פּראָסטער ייִד האָט אַ חוש־הריח און פֿילט, וואָס אַן „אורח חיים" פֿילט נישט...

און ווען אַן „אורח־חיים" האָט מחשבֿות, כּוונות, השבעות, האָט דער פּראָסטער ייִד אַ יד און קלערט נישט. און וואַרפֿט ווו מען דאַרף, און טרעפֿט...

און דאָס אַלץ מיטן כּוח פֿון אַ קאַפּיטל תּהילים...

איר פֿאַרשטייט?

און אַז יוחנן וואַסער־טרעגער קומט אויף יענער וועלט, ווער מיינט איר, קומט אים אַנטקעגן? דוד המלך מיטן פֿידעלע!

דאָס האָט מען מיר אין חלום געוויזן...

אַזוי האָט דער אורח־חיים דערציילט.

ווערטער־פּאַרטייטש

בקבלה — איבערגעגעבן פֿון מויל צו מויל.
עליו־השלום — זאָל ער רוען אין שלום.
אורח־חיים — אַ וויכטיקער רבי אין דער חסידים־באַוועגונג.
במעמד — אין דעם בײַזײַן.
השובֿים — חשובֿע, וויכטיקע.
מפּיו הקדוש — פֿון זײַן הייליקן מויל.
שחרית — פֿרימאָרגן־תּפֿילה.
במנהגו — ווי זײַן שטייגער איז.
דיינים — ייִדישע ריכטער, וואָס מישפּטן לויטן ייִדישן געזעץ.
דין־תּורה — פּראָצעס אין אַ ייִדישן געריכט.
סוגיא — אַן ענין אין תּלמוד.
מהרש"א — קאָמענטאַטאָר פֿון תּלמוד.
צדקה תּציל ממות — צדקה ראַטעוועט פֿון טויט, מע זאָגט עס ווען מע פֿירט דורך אַ מת.
ברוך דיין האמת — זאָל געלויבט זײַן דער גערעכטער ריכטער.
ניפֿטר געוואָרן — געשטאָרבן.
הקדש — שפּיטאָל פֿאַר אָרעמע.
לוויה — באַגלייטונג פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם צו זײַן אייביקער רו.
רשות — דערלויבעניש.
מודיע זײַן — צו וויסן געבן.
הידרשן זיך — ווונדערן זיך.
מוחל זײַן — פֿאַרגעבן.
מינחה — אָוונט־תּפֿילה.
מעריבֿ — נאַכט־תּפֿילה.
לומדים — לערנערס.
עבֿרי — לייענען.
נהנה־מיגיע־כּפּו — ער דערנערט זיך פֿון זײַן אייגענער האָרעוואַניע.
מתּנת־בשׂר־ודם — אַ מתּנה פֿון אַ מענטשן.
איבֿרים — גלידער.
מיטה — בעטל אָדער ברעט אויף וועלכן מע טראָגט דעם טויטן.
בית־החיים — טויטנפֿעלד, בית־עולם, בית־הקבֿרות.
טהרה — רייניקונג, דאָס אָרומוואַשן דעם מת.
קרבן — דער וואָס איז מקבר די טויטע; באַגרעבער.
קדיש — אַ תּפֿילה נאָך אַ געשטאָרבענעם.
הבֿדלה — די ברכות וואָס מע זאָגט שבת צו נאַכטס צו באַצייכענען אַז דער שבת איז אַוועק.

ויתן לך — אַ תּפילה וואָס מע זאָגט שבת צו נאַכט.
מצרף זײַן — צושטיין; גיין מיט עמעצן.
מכבד זײַן — געבן כּיבוד, טראַקטירן.
חשש — פֿאַרדאַכט.
עגונה — אַ פֿרוי וואָס איר מאַן האָט זי פֿאַרלאָזן.
מעשׂה נורא — שרעקלעכע געשיכטע.
רבותי — מײַנע הערן.
חוש־הריח — שמעק־חוש.
לומדי־תורה — תּורה־לערנער.
כּוונות — טיפֿע קאָנצענטראַציע פֿון האַרץ און געדאַנק צו דערגרייכן עפּעס.

פּתרון — באַשיידונג.
נתגלה ווערן — אַנטפּלעקט ווערן.
בחייו — בײַ זײַן לעבן.
להבדיל בין החיים והמתים — כּדי צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן די לעבעדיקע און די טויטע
תּקיעת־כּף — געבן פֿייערלעך אַ האַנט בײַם צוזאָגן עפּעס.
מיישב זײַן זיך — זיך באַראָטן.
בטבע — פֿון נאַטור; פֿון כאַראַקטער.
שמונה־עשׂרה — אַ תּפילה וואָס מע זאָגט זי שטייענדיק בײַ שחרית, מנחה און מעריב; די תּפילה פֿון 18 ברכות.
רפֿואה־שלמה — אַ פֿולשטענדיקע היילונג.
הירהור־תּשובֿה — אַ געדאַנק תּשובֿה צו טאָן.
חושד זײַן — האָבן אַ פֿאַרדאַכט.
מתכוון זײַן — אין זינען האָבן.
ברוך־השם — דאַנקען זײַן נאָמען; דאַנקען גאָט.
שעת־רצון — מאָמענט פֿון גוטן ווילן.
רבנן־קדיש — אַ תּפילה נאָך אַ געשטאָרבענעם, וואָס מען זאָגט נאָכן לערנען פֿון גמרא.
חבֿרה־ש״ס — געזעלשאַפֿט צו לערנען דעם תּלמוד (ש״ס — ששה סדרים).
תּפֿוצות־ישׂראל — ייִדישע צעשפּרייטקייט; ייִדישע ייִשובֿים.
גדול־הדור — גרויסער געלערנטער פֿון דער צײַט.
מבטל זײַן — שטערן, איבעררײַסן עמעצן אין זײַן אַרבעט.
ממלא־מקומו זײַן — פֿאַרטרעטן; טאָן די אַרבעט פֿאַר עמעצן.
התנהגות — אויפֿפֿיר.
לומד־תּורה — תּורה־לערנער.
נתפּעל ווערן — פֿאַרוווּנדערט ווערן.

פּרוש — איינער וואָס שיידט זיך אָפּ פֿון זײַן פֿאַמיליע כּדי אָפּצוגעבן זײַן צײַט צו לערנען תּורה.
ראיה — קוק.
פּלא — וווּנדער.
מקובל — אַ מענטש וואָס גיט זיך אָפּ מיט קבלה, מיט מיסטיק; אַ מיסטיקער.
גאווה — שטאָלץ.
זמירות — געזאַנגען; רעליגיעזע לידער וואָס מע זינגט שבת בײַם עסן.
מדרגה — שטופֿע, גראַד.
די אמות — פֿיר איילן; אַ קליינער שטח.
מחיצה — אָפּצאַמונג; זײַן נאָענט מיט עמעצן אין זײַן סבֿיבֿה.
לבֿ־טובֿ — אַ גוטהאַרציקער.
מגושם פּנים — פֿאַרגרעבטע פּנים.
שליטה — מאַכט.
יום־כּיפּור־קטן — קליינער יום־כּיפּור — אַזוי ווערט אָנגערופֿן יעדער ערב ראש־חודש וואָס מע פֿאַסט.
לא קם ולא זע — ער האָט זיך ניט אויפֿגעשטעלט און ער האָט ניט אַ ציטער געטאָן.
גוזר זײַן — באַפֿעלן.
תּוכו כּבֿורו — זײַן אינערלעך ווי מען איז אויסערלעך.
משמש תּלמידי־חכמים — באַדינען תּלמידי־חכמים.
עובֿדות — אַרבעט; אויפֿגאַבע.
נכשל ווערן — געשטרויכלט ווערן; דורכפֿאַלן.
במעלה — אין זײַן גראַד, אין זײַן מדרגה.
רשות — דערלויבעניש.
חוקר ודורש זײַן — גוט אויספֿאָרשן.
עוסק זײַן — פֿאַרנעמען זיך.
קבלה־מעשׂית — פּראַקטישע קבלה, אויסנוצן די קבלה צו פּראַקטישע מאַגישע צילן.
חולשת הדעת — גייסטיקע שוואַכקייט.
כּזית — אַ קליין שטיקל גרויס ווי אַן איילבערט.
בקו הבריאה — געזונט.
התּראה — אַ וואָרענונג.
תּוך־כּדי־דיבור — אַזוי ווי מע רעדט; באַלד.
חבֿרה — ניט־גוטע; שדים.
השבעות — באַשווערונגען.
באותו הרגע — אין דער מינוט.

מקובלים

אין די שלעכטע צייטן, פאלט אפילו תורה — די בעסטע סחורה — אויך.

פון דער לאשטשעווער ישיבה איז מער נישט געבליבן נאר דער ראש-ישיבה — ר׳ יעקל, מיט זיין איין און איינציקן תלמיד.

דער ראש-ישיבה איז אן אלטער, דארער ייד, מיט א לאנגער צעשויבערטער בארד, מיט אלטע אויסגעלאשענע אויגן; למך, זיין געליבטער תלמיד, איז א יונגערמאן, אויך א דארער, א הויכער, א בלאסער מיט שווארצע, אונטערגעשלאגענע אויגן, פארברענטע ליפן, און א ציטערנדיקן שפיציקן גארגל; ביידע — מיט „אויפגעכראש-טשעטע״ העמדער, אן העמדער, ביידע אין לאכעס; דער ראש-ישיבה שלעפט קוים נאך א פאר פויערישע שטיוול. דעם תלמיד, אן זאקן, פאלן די שוסטער-שיך אראפ פון די פיס.

דאס פארארעמטע שטעטל האט אלע מאל ווייניקער געשיקט עסן, געגעבן טעג; זיינען זיך די ארעמע בחורים צעקראכן! ר׳ יעקל אבער וויל שוין דא שטארבן, און זיין תלמיד — לייגן אים די שערבלעך אויף די אויגן.

און זיי ביידע ליידן אויך אמאל הונגער. פון ווייניק עסן קומט ווייניק שלאפן; פון גאנצע נעכט נישט שלאפן און נישט עסן — א חשק צו קבלה!

ממה-נפשך — דארף מען אויפזיין גאנצע נעכט און הונגערן גאנצע טעג, — לאז מען כאטש דערפון א נוצן האבן, זאל כאטש זיין: תעניתים מיט סיגופים. זאלן זיך כאטש עפענען אלע טויערן פון דער וועלט מיט סודות, רוחות און מלאכים!

און זיי לערנען שוין קבלה א צייט!

אצינד זיצן זיי ביים לאנגן טיש, איינע אליין. ביי יעדן איז אצינד נאך מיטאג, ביי זיי — נאך פאר פרישטיק. זיי זיינען דאך געוווינט דערצו, — דער ראש-ישיבה פארגלייזט די אויגן און רעדט: דער תלמיד זיצט אונטערגעשפארט אויף ביידע הענט מיטן קאפ און הערט.

— אין דעם זיינען דא, — זאגט דער ראש-ישיבה, — א סך

בחינות: איינער קאָן אַ שטיקל, איינער אַ האַלבן, איינער אַ גאַנצן ניגון — דער רבי, ז״ל, האָט געקאָנט אַ גאַנצן ניגון, אַפילו מיט אַ צושפּיל! — איך (האָט ער צוגעגעבן טרויעריק) האָב קוים די זכיה צו אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס...

ער האָט אָפּגעמאָסטן אַ פּיצל פון דאָרן פינגער און האָט ווײַ־טער געצויגן:

— עס איז פאַראַנען אַ ניגון, וואָס מוז האָבן ווערטער: דאָס איז גאָר אַ נידעריקע בחינה... עס איז פאַראַנען אַ העכערע בחינה: אַ ניגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָן ווערטער — אַ ריינער ניגון! נאָר דער ניגון דאַרף נאָך האָבן אַ קול... און ליפּן, דורך וועלכע דאָס גייט אַרויס; און ליפּן — פאַרשטייסטו — זײַנען נאָך גשמיות און דאָס קול אַפילו, עס איז אָן איידעלע גשמיות, גשמיות איז עס!

לאָז זײַן אַז דאָס קול שטייט אויף דער גרענעץ צווישן רוחניות און גשמיות!

נאָר סײַ ווי סײַ: דער ניגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול, וואָס הענגט אָפּ פון די ליפּן, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אין גאַנצן ריין... נאָך נישט קיין אמתע רוחניות!...

דער אמתער ניגון אָבער זינגט זיך גאָר אָן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווייניק, אין האַרץ, אין די געדערעם!

אָט, דאָס איז דער סוד פון דוד המלכם ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה״... אינעם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זײַן דער ניגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָט־ברוך־הוא! דאָס איז נישט דער ניגון פון אַ בשר־ודם, דאָס איז נישט קיין אויסגע־טראַכטער ניגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון ניגון, מיט וועלכן גאָט האָט די וועלט באַשאַפן; פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַרײַנגע־גאָסן אין איר...

און אַזוי זינגט די פמליא־של־מעלה! אַזוי האָט געזונגען דער „יוד״, זכרונו־לברכה!

דעם לימוד האָט איבערגעהאַקט אַ צעשויבערטער יונג מיט אַ שטריק אַרום די לענדן — אַ טרעגער. ער איז אַרײַנגעקומען אין בית־המדרש, אַנידערגעשטעלט אַ שיסל גריץ מיט אַ שטיקל ברויט אויפן טיש לעבן ראש־ישיבה, און מיט אַ גראָב קול געזאָגט: „ר׳ טעוול שיקט דעם ראש־ישיבה עסן!״ און האָט זיך איבערגעדרייט, און, אַרויסגייענדיק, צוגעגעבן: „שפּעטער וועל איך קומען נאָך דער שיסל!״

אַרויס דורך דעם גראָבן טרעגערס קול פון דער געטלעכער האַרמאָ־ניע, האָט זיך דער ראש־ישיבה שווער אויפגעהויבן און איז, נאָכ־שלעפּנדיק די גרויסע שטיוול, צוגעגאַנגען צום כיור זיך וואַשן.

גייענדיק האָט ער ווײַטער גערעדט, נאָר מיט וויניקער התלה־

בּוֹת, און דער תּלמיד האָט אים פֿון זײַן אָרט נאָכגעיאָגט מיט די אויפֿגעשפּיצטע אויערן און ברענענדיקע, פֿאַרחלומטע אויגן.

— נאָר, — זאָגט ווײַטער ר׳ יעקל מיט אַ טרויעריקער שטימע, — איך האָב אַפֿילו די זכיה נישט משׂיג צו זײַן, אין וואָס פֿאַר אַ בחינה דאָס איז! אין וועלכן שער דאָס קומט! זעסטו, — גיט ער שוין צו מיט אַ שמייכל, — די סיגופֿים מיט די צרופֿים, וואָס מען דאַרף דערצו, די ווייס איך, און איך וועל זיי דיר נאָך אפֿשר היינט אי־בערגעבן!

דעם תּלמיד קריכן שיר די אויגן אַרויס; ער האַלט אָפֿן דאָס מויל צו כאַפּן יעדעס וואָרט. נאָר דער רבי האַקט אָפּ, ער וואַשט זיך די הענט, זאָגט „שׂאו־ידיכם״, גייט צוריק צום טיש און מאַכט, מיט ציטערדיקע ליפּן, די „המוציא״...

מיט ציטערדיקע, דאַרע הענט הייבט ער אונטער די שיסל. די פֿאַרע פֿאַרדעקט אים מיט אַ וואַרעמען אָטעם דאָס ביינערדיקע פּנים; דערנאָך שטעלט ער זי צוריק, נעמט דעם לעפֿל אין דער רעכטער האַנט, און וואַרעמט די לינקע אין ראַנד פֿון שיסל. דערבײַ צע־קוועטשט ער מיט דער צונג אין די גאָלע יאַסלעס די רעשט „מוציא״ מיט זאַלץ.

אָנגעוואַרעמט דאָס פּנים מיט די הענט, קנייטשט ער שטאַרק אײַן דעם שטערן, ציט צוזאַמען די בלאָנע־בלויע דאַרע ליפּן, און הייבט אָן בלאָזן!

בײַ דער גאַנצער צײַט האָט פֿון אים דער תּלמיד קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. און, בשעת דעם רבינס ציטערדיק מויל איז אַנטקעגן געלאָפֿן דעם ערשטן לעפֿל גריץ, האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ; ער האָט זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און האָט זיך אין גאַנצן אײַנגעצויגן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַרײַנגעקומען נאָך אַ יונג מיט נאָך אַ שיסל גריץ מיט ברויט:

— ר׳ יוסף שיקט דעם תּלמיד אָנבײַסן!

נאָר דער תּלמיד האָט נישט אַוועקגענומען די הענט פֿונעם פּנים.

דער ראש־ישיבֿה האָט אַוועקגעלייגט דעם לעפֿל און איז צוגע־גאַנגען צום תּלמיד. אַ ווײַלע האָט ער מיט שטאָלצער ליבע אויף אים געקוקט, דערנאָך האָט ער אײַנגעהילט די האַנט אין דער פּאָלע און אָנגערירט אים דעם אַקסל.

— מען האָט דיר געבראַכט עסן, — וועקט ער אים מיט אַ פֿרײַנדלעך קול.

טרויעריק און לאַנגזאַם האָט דער תּלמיד אַוועקגענומען די הענט פֿון פּנים. און דאָס פּנים איז נאָך בלאַסער געווען, און די אונטער־געשלאָגענע אויגן האָבן נאָך ווילדער געברענט.

— איך ווייס, רבי! — ענטפֿערט ער, — נאָר איך וועל נישט עסן היינט!

— דער פֿערטער תּענית? — האָט דער ראש־ישיבֿה געפֿרעגט, פֿאַרוווּנדערט.

— און אָן מיר? — גיט ער צו מיט אַ פּרעטענזיע.

— עס איז אָן אַנדער תּענית, — ענטפֿערט דער תּלמיד, — עס איז אַ תּענית־תּשובֿה!

— וואָס רעדסטו? דו — און אַ תּענית־תּשובֿה?

— יאָ, רבי! תּענית־תּשובֿה... אַ רגע פֿריער, ווען איר האָט אָהנגעהויבן עסן, האָב איך געהאַט אַ הירהור... עובֿר צו זיין אויף לא־תחמוד?

אין דער זעלביקער נאַכט גאַנץ שפּעט, האָט דער תּלמיד געוועקט דעם רבין. זיי זיינען ביידע געשלאָפֿן, זיך קעגנאיבער, אויף בענק איז קלויז.

— רבי! — רבי! — האָט ער גערופֿן מיט אַ שוואַכן קול.

— וואָס איז? — האָט זיך דער ראש־ישיבֿה אויפֿגעכאַפּט דער־שראָקן.

— איך בין אַצינד געווען אין דער הויכער מדרגה...

— ווי אַזוי? — פֿרעגט דער ראש־ישיבֿה נאָך אַביסל פֿאַר־שלאָפֿן.

— עס האָט אין מיר געזונגען?

דער ראש־ישיבֿה האָט זיך אויפֿגעזעצט:

— ווי אַזוי, ווי אַזוי?

— איך ווייס אַליין נישט, רבי, — האָט דער תּלמיד מיט נאָך אַ שוואַכערן קול געענטפֿערט, — איך האָב נישט געקאָנט שלאָפֿן, האָב איך מיך פֿאַרטיפֿט אין אייער שמועס... איך האָב געוואָלט דווקא קענען דעם ניגון... און איך האָב פֿאַר גרויס צער, וואָס איך קען נישט דער ניגון, אַנגעהויבן וויינען... עס האָט אין מיר אַלץ געוויינט; אַלע איבֿרים האָבן געוויינט פֿאַרן ריבונו־של־עולם!

— דערביי האָב איך געמאַכט די צרופֿים, וואָס איר האָט מיר איבערגעגעבן... אַ וווּנדערלעכע זאַך: נישט מיטן מויל, נאָר עפּעס אינעווייניק... פֿון זיך אַליין! ראַפּטאָס איז מיר ליכטיק געוואָרן... איך האָב געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן, און עס איז מיר געווען ליכ־טיק, זייער ליכטיק, זייער שטאַרק ליכטיק!...

— אַט! — בייגט זיך צו דער ראש־ישיבֿה.

— דערנאָך איז מיר געוואָרן פֿון דעם ליכט אַזוי גוט, אַזוי לייכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועג גאָרנישט, אַז מיין גוף האָט די וואָג פֿאַרלוירן, אַז איך קאָן פֿליִען...

— אַט! אַט!

— דערנאָך בין איך געוואָרן לוסטיק, לעבעדיק, לאַכנדיק... דאָס פּנים האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּן אויך נישט, און איך האָב דאָך געלאַכט... און אַזוי גוט, אַזוי האַרציק, אַזוי נחתדיק גע־לאַכט!

— אַט! אַט! אַט! — מתוך שׂמחה!

— דערנאָך האָט עפּעס אין מיר געברומט, ווי אַן אָנהייב פון אַ ניגון געברומט.

דער ראש־ישיבֿה איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זײַן באַנק און איז מיט אַ מאָל געווען בײַם תּלמיד:

— נו — נו.

— דערנאָך האָב איך געהערט, ווי עס האָט אין מיר אָנגע־הויבן זינגען!

— וואָס האָסטו געפּילט? וואָס? וואָס? זאָג!

— איך האָב געפילט, אַז אַלע חושים זײַנען מיר פאַרשטאָפּט און פאַרמאַכט, און עפּעס אינעווייניק זינגט... און אַזוי ווי מען דאַרף

— נאָר אָן ווערטער, אַט אַזוי...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?!...

— ניין, איך קאָן נישט... פריִער האָב איך געוווסט... דערנאָך איז פונעם זינגען געוואָרן... געוואָרן...

— וואָס איז געוואָרן — וואָס?...

— אַ מין שפּילן... גלײַך, להבֿדיל, איך וואָלט אינעווייניק אין מיר אַ פידל געהאַט, אָדער גלײַך יונה קלעזמער זאָל אין מיר זיצן און שפּילן זמירות, ווי בײַם רבין צום טיש! נאָר עס האָט געשפּילט נאָך בעסער, נאָך אײדעלער, מיט נאָך מער רוחניות! און אַלץ אָן אַ קול, אָן אַ שום קול — סאַמע רוחניות!...

— וויל איז דיר! וויל איז דיר! וויל איז דיר!

— אַצינד איז אַלץ אַוועק! — מאַכט טרויעריק דער תּלמיד, — עס האָבן זיך מיר צוריק געעפנט די חושים, און איר בין אַזוי מיד, אַזוי מיד, אַ־זוי מי־ד! אַז איך...

— רבי, — האָט ער ראַפּטאָס אַ געשריי געטאָן, זיך אָנכאַפּנדיק בײַם האַרצן, — רבי! זאָגט מיט מיר ווידוי! מען איז געקומען נאָך מיר! — עס האָט דאָרט אין פמליא־של־מעלה אַ זינגערל פאַרפעלט! אַ מלאך מיט ווײַסע פליגל!... רבי! רבי! שמע ישׂראל! שמעע.. ישׂ...

דאָס גאַנצע שטעטל, ווי איין מענטש, האָט זיך געווונטשן אַזאַ טויט. נאָר פאַרן ראש־ישיבֿה איז נאָך ווייניק.

— נאָך אַ פּאָר תּעניתים, — קרעכצט ער, — וואָלט ער שוין געשטאָרבן „בנשיקה"!

ווערטער־פּאַרטייטש

מקובלים — מיסטיקער.
ראש־ישיבֿה — דער אָנפֿירער פֿון דער ישיבֿה.
לאַכעס — אַלטע זאַכן.
ישיבֿה — העכערע רעליגיעזע שול, וווּ מע לערנט איבערהויפּט גמרא.
חשק — ווילן, פֿאַרלאַנג.
קבלה — מיסטישע לערע.
ממה־נפֿשך — איינס פֿון דיביידע; פֿאַראַן אַ ברירה.
תּעניתים — טעג פֿון פֿאַסטן.
סיגופֿים — פּייניקונגען פֿון קערפּער.
סודות — געהיימענישן; סעקרעטן.
רוחות — גייַסטער; ניט גוטע.
בחינות — מדרגות, שטאַפּלען.
ניגון — געזאַנג, מעלאָדיע.
זכיה — פּריווילעגיע.
בחינה — מדרגה, שטאַפּל.
גשמיות — קערפּערלעכעס, דאָס פֿאַרקערטע פֿון גייַסטיקעס.
רוחניות — גייַסטיקעס, דאָס פֿאַרקערטע פֿון גשמיות.
כּל־עצמותי־תּאמרנה — אַלע מייַנע ביינער זאָגן עס; אַלץ מיט אַנאַנד נעמט אָנטייל.

שבֿח — אַ לויב.
ברוך־הוא — געבענטשט זאָל ער זייַן.
בשר־ודם — פֿלייש און בלוט, ד״ה — מענטש.
חלק — טייל.
פּמליא־של־מעלה — הימליש געריכט.
זכרונו־לבֿרכה — זייַן אָנדענק זאָל זייַן געבענטשט.
כּיור — האַנטפֿאַס, וואַששיסל אין בית־מדרש, וווּ מע וואַשט די הענט.
התלהבֿות — באַגייַסטערונג, עקסטאַז.
משיג זייַן — באַגרייַפֿן, באַנעמען.
שער — טויער.
סיגופֿים — פּייניקונגען.
צרופֿים — סימבאָלן פֿון ווערטער־אָדער אותיות־באַהעפֿטונגען אין קבלה.

שאָר־ידיכם — אַ ברכה וואָס מע מאַכט פֿאַר עסן.
המוציא — אַ ברכה וואָס מע מאַכט איבער ברויט; אַ רייפֿטל ברויט.
תּענית — טאָג פֿון פֿאַסטן.
תּענית־תּשובֿה — פֿאַסטן צוליב אַ זינד.

הירהור — מחשבה, געדאַנק.
לא תחמוד — זאָלסט ניט גלוסטן; לעצטער געבאָט פֿון די צען געבאָטן.
מדרגה — שטאַפּל; טרעפּ.
אבֿרים — גלידער.
מתוך־שׂימחה — מחמת פֿרייד.
להבֿדיל — צו אונטערשיידן.
שמע־ישׂראל — („הער ישׂראל!") די ערשטע ווערטער פֿון קריאת־שמע — אַ וויכטיקע ייִדישע תּפֿילה.
בנשיקה — מיט אַ קוש.